STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04726

DOS BUKH FUN DER VISTE

Rudyard Kipling

*Permanent preservation of this book was made possible
by Michael & Linda Schmelzer
in honor of
Marion & David Besen*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



רעדוואַרד קיפּלינג.

דאָס בוך פון דער וויסטע

איבערזעצט דורך „לעאָן".

פערלאג
„וועלט-ביבליאָטעק"

ווארשא
תרס"ט.

Типографія „Гацефира“ Панская 40.

מאָוגלי'ס ברידער.

מיט שאָטען פערשפרייט ווערט די ווילדע גאנץ ברייט,
ט ש י ל גייער פיהרט נאַכט שוין, אויך מאַנג דער וואַמפיר;
עס הושכ'ט ארום, און מיט זיען און מיט רוהם
די וועלט ברייט און פרייהייט רעגירען איצט מיר!
מעג רוהען אין שלאָף אין די שטעלער דאָס שאָף, —
מיר איילען מיט נענעל און צייהן צום געפעכט!
ווער קראפט האָט און מוט — אַנו, שנעל אין מאַרשרוט —
געדענק נאר און היט פון דער ווילדע דאָס רעכט!
(נאַכט=געזאנג אין דער ווילדע).

עס איז געווען זיבען אוהר אין אָבענד פון אַ הייסען טאָג אויף די בערג פון סיאָני, ווען דער וואָלף דער פאָטער האָט זיך אויפגעהאַפּט פון טאָג=שלאָף, זיך אַרומגעקראַצט, אַ געגעץ געטהון און אָנגעהויבען אויסצוגלייכען די לאַפּעס איינע נאָך דער אַנדערער, כדי אַראָבצוטרייסלען פון זיך דאָס געפיהל פון מידיגקייט, וואָס ער האָט נאָך געפיהלט אין די עקען. די וועלפין איז געלעגען אויסגע=צויגען, האַלטענדיג אַריינגעשטעקט די גוואַלדיגע גרויע נאָז צווישען די פיער וועלפעלעך, וועלכע האָבען זיך איבערגעדרעהט און גע=

פּישטשעט. דורך דער עפענונג אין גרוב, וואָס האָט זיך געדיענט אַלס וואָהנונג, האָט אַריינגעלויכטען די לבנה.

— אוהרר! — האָט דער וואָלף געזאָגט — שוין צייט זיך צו לאָזען אויף דער יאַגד.

און ער האָט שוין געוואָלט זיך לאָזען טיעף אין טהאָל אַריין, אַלס פּלוצלונג האָט אַ נישט גרויסער שאָטען מיט אַ וואַ-ליגען ווערעל פערצוימט דעם אַרויסגאַנג און האָט אָנגעהויבען הוילען.

— ערפאָלג דיר, אָנפיהרער פון די וועלף! ערפאָלג דיינע איי-דעלע קינדערלעך, הלואי זאָלען זיי בעקומען שטאַרקע ווייסע ציינער, הלואי זאָלען זיי קיינמאָל נישט פערגעסען וועגען די אונגליקליכע, וועלכע ליידען הונגער!

דאָס איז געווען אַ שאַקאַל, טאַבאַקי דער פוסטעפּאַסניק. די אינדישע וועלף פעראַכטען טאַבאַקי'ן, וועלכער שלעפּט זיך אומעטום אַרום, מאַכט אָן מחלוקת, טראָגט פאַנאַנדער רכילות און פרעסט די שמאַטעס און שטיקלעך פעל אויף די מיסטען פון די דערפער. נאָר גלייכצייטיג האָט מען מורא פאַר איהם, דען קיינער אין דער וויסטע איז נישט געניייגט אַזוי ווי טאַבאַקי אַריינצופאַלען אין אַ שגעון פון ווילדען כעס, און אין אַזא פאַל פערגעסט ער זיין פחדנות, און דורכלויפענדיג דעם גאַנצען וואַלד בייסט ער אַליץ, וואָס ער טרעפט אין וועג. אפילו דער טיגער אַליין אַנטלויפט און בע-האַלט זיך פאַר דעם קליינעם משוגענעם טאַבאַקי, דען משוגעת איז די גרעסטע שאַנדע, וואָס קאָן דערגעהן אַ ווילדע חיה. דאָס, וואָס מען רופט ביי אונז וואַסער-משוגעת, הייסט ביי זיי בעזע-סענהייט, פאַר וועלכער מען בעהאַלט זיך ווי איינער קאָן.

— טאָ געה דיר אַריין און זוך, — האָט דער וואָלף גע-זאָגט טרוקען, — האָטש אין אמת'ן איז דאָ גאָר נישטאָ צו'ם עסען.

— פאַר אַ וואָלף, נאַטירליך, — האָט טאַבאַקי געענטפערט, — נאָר פאַר אַזאַ קליינינקע פערזאָן ווי איך, וועט שוין דאָס מינ-דעסטע ביינדעל זיין אַ גאַנצער מאָהלצייט. נישט מיר, דאָס שאַ-קאַלען-פאָלק, מעגען זיך ערלויבען צו מאַכען העווית און זיין אי-בערקלייבער.

און ער האָט אָנגעהויבען אַרומצוזוכען, ביז ער האָט אין ווינקעל

געפונען א ביין פון א סערנע מיט א רעשטעל פלייש, און ער האט זיך אוועקגעזעצט און עס אנגעהויבען ארומגריזשען מיט אפעטיט.

— א דאנק פאר דער שענער אויפנאהמע, — האט ער געזאגט, זיך בעלעקענדיג, — אזעלכע שענע, טייערע קינדערלעך! וואס פאר א גרויסע אויגען זיי האבען! און נאך אזוי יונג! וואס אנ׳אמת איך מוז געדענקען, אז קעניגליכע קינדער וואקסען אויס נאך אין וויגעלע.

טאבאקי האט זעהר גוט געוואוסט, ווי נישט פאסיג עס איז צו לויבען קינדער, ווען זיי הערען, דעריבער טאקי האט ער מיט גרויס פערגניגען בעטראכט די פערלעגענהייט פון פאטער און מוטער. א ווײַלע איז ער געזעסען שווייגענדיג און געשעפט נחת פון דער אונאנגענעהמהייט, וואס ער האט אנגעמאכט, דאן האט ער זיך אבגערופען מיט א בייזען כיון:

— דער גרויסער שער־האן בייט אום דעם געגענד פון זיין געיעג. איך האב געהערט, אז בשעת דער קינפטיגער לבנה, וועט ער אנהויבען פיהרען די יאגד אין די קאנטען.

שער־האן איז געווען דער טיגער, וועלכער האט געוואהנט צוואנציג מייל ווייט פון דאנען נישט ווייט פון טייך וואינגונגא.

— ער האט דערויף קיין רעכט נישט! — האט דער וואלף אויסגעשריען מיט צארן. — לויט די געזעצען פון דער וויסטע, טאר מען נישט אומבייטען דעם געגענד אהן א געהעריגער אנמעלדונג. ער וועט אונז אויפרודערן די חיות אויף א שטרעקע פון צעהן מייל ארום און פונקט דאן, ווען איך מוז הרגענען פאר צווייען.

— מיט רעכט האט איהם די מוטער א נאמען געגעבען „דער לאהמער“, — האט זיך אנגערופען די וועלפין מיט א זאנפטער שטימע, — פון געבוירענטאג אן הינקט ער אויף איין פוס, און דעריבער האט ער נאך קיינמאל נישט געהרגעט קיין זאך אויסער הויז־קעלבער. ער האט ערצירנט און אויפגערודערט אויף זיך די דארפס־לייט פון נעבען וואינגונגא, און איצט וויל ער אויך אויפרודערן אונזערע דארפס־לייט. זיי וועלען אנהויבען דורכמושטערן די וויסטע, כדי איהם צו פאנגען... ער וועט נאטירליך זיך אויסדרעהען, נאר מיר און אונזערע קינדער וועלען מיר זיין געצוואונגען זיך אבצוטראגען פון דאנען, ווען זיי וועלען אונטערצינדען די

גראָזען. אין אֶמת'ן, מיר האָבען פאַר וואָס שער־האַנ'ען צו בעדאַנקען.

— זאָל איך איהם וויסען געבען וועגען אַייער דאַנקבאַרקייט? — האָט טאַבאַקי געזאָגט.

— שווייַג! — האָט דער וואָלף אַ ברום געטהון בייז. — זאָלסט זיך מיר שוין אָבטראָגען פון דאַנען מיט דייַן אָדון. דו האָסט שוין גענוג אָנגעמאַכט אויף איין נאַכט.

דערויף האָט טאַבאַקי געענטפערט רוהיג:

— איך געה אַוועק. איך האָב מיר איינגענטליך געקאָנט פערשפּאָרען די מיה, פון אָנזאָגען אייך די בשורה, דען אָט קאָנט איהר שוין אַליין דערהערען שער־האַנ'ען דאָרט, אין טהאָל, צווישען די געדיכטע בוימער.

דער וואָלף האָט אָנגעשטעלט די אויערן.

פון אונטען, פון דער לאָנקע, וואָס האָט זיך געצויגען אַראָב ביז צום סאַמע טייַכעל, האָט זיך געלאָזט הערען אַ שאַרפער, צעריַיצטער, צאָרנדיגער און הויכער געשרייַ פון טיגער, פון וועלכען עס איז אַנטרונען געוואָרען זייַן רויב און וועלכען עס האָט כלל נישט געאַהרט, וואָס די גאַנצע וויסטע וועט זיך וועגען דעם דערוויסען.

— שוטה! — האָט דער וואָלף געזאָגט. — אָנהויבען די נאַכט־אַרבייט מיט אַזאַ גערודער! ער מוז אַודאי מיינען, אַז אונזערע הירשען זענען גלייַך צו זייַנע אויסגעפאַשעטע אָקסען פון נעבען וואַינגונגאַ.

נאָר די וועלפין האָט איהם איבערגעהאַקט.

— שטיל! נישט נאָך קיין אָקס און נישט נאָך קיין הירש יאָגט ער זיך הייַנטיגע נאַכט, נאָר נאָך אַ מענשען.

דעם טיגערס קלאָג־געשרייַ איז איבערגעגאַנגען אין אַ מין אונאויפהערליכעס ברומען, וואָס האָט אויסגעוויזען, ווי עס וואָלט אַרויסגעקומען פון יעדען פונקט פון דער גאַנצער שטרעקע. די דאָזיגע שטימע בעטויבט די האָלצהעקער און די וואַנדערענדע פאַסטוכער, וועלכע נעכטיגען אונטער'ן בלויזען הימעל, אַזוי שטאַרק, אַז נישט זעלטען פאַלען זיי גלייַך אַריַין אין טיגער'ס פרעסער.

— נאָך אַ מענשען! — האָט אויסגערופען דער וואָלף, אויסשטשירענדיג די ווייַסע צייהן. — פע! עס האָט איהם שוין הייסט

עֶס פֶערפֶעהלט ווערֶעם און פרעש אִין די זומפֶען, דאָס ער מוז זיך שוין נעהמען צו פרעסען מענשען און דערצו נאָך אויף אונזער ערד!

די געזעצען פון דער ווִיסטע, וועלכע בעשטימען נִישט קיין זאַך אָהן אַ פּרינציפּ, פערבאָטען יעדער חיה אויפצופרעסען אַ מענשען, סיידען מען טוידט איהם, כדי אויסצולערנען די קינדער, ווי מען דאַרף טוידטען, נאָר אויך דאַן מוז מען איהם פאַנגען אויסער די גרענצען פון געגענד, וואָס די מחנה אָדער דער אייגענער שטאַם פערנעהמט. די אֱמת'ע סִבה פון דעם דאָזיגען פערבאָט איז דאָס, וואָס דאָס ערמאָרדען אַ מענשען ברענגט פריהער אָדער שפּעטער צו דעם, וואָס עס דרינגען אַריין ווייסע מענשען, וועלכע זענען בעוואָפענט מיט געוועהר און זיי זיצען אויף עלפאַנטען, און אויך עטליכע הונדערט ברוינע מענשען, וואָס זענען בעוואָפענט מיט גאָנגען, ראַקעטען און פאַקעלען, און דאַן — וועה איז צו אַלע איינוואָהנער פון דער ווִיסטע. נאָר צווישען זיך ערקלערען די חיות יענץ געזעץ דערמיט, וואָס עס פאַסט נישט זיך צו יאָגען נאָך אַ מענשען, וואָס איז דאָס שוואַכסטע און שוצלאָזעסטע פון אַלע לעבענדיגע בעשעפענישען. אויך זאָגט מען — און מיט רעכט — אַז די מענשען־פרעסער ווערען קרעציג און פערלירען די צייהן.

דאָס ברומען האָט זיך פערשטאַרקט, געוואָרען מעכטיגער, ביז עס האָט אויסגעבראָכען אין אַ דונערנדען אויסשריי פון אַ טיגער, וואָס וואַרפט זיך אויף זיין רויב.

נאָר באַלד דערנאָך האָט זיך דערהערט דאָס משונה'דיגע, פאַר אַ טיגער נישט ווירדיגע קלאָגען פון שער־האַן.

— עס איז איהם נישט געלונגען — האָט די וועלפין געזאָגט. — וואָס איז עס געשעהן?

דער וואָלף האָט געמאַכט איינִיגע שריט צו'ם אויסגאַנג־צו און האָט דערהערט, ווי שער־האַן האָט כסדר געברומט און ווילד געוואָיעט, נישט אויפהערענדיג זיך צו וואַרפען אין די קוסטעס אויף אַלע זייטען.

— דאָס איז אַ שלימזל! אַרויסגעשפּרונגען אויף אַ פייערשייטען פון האָלצהעקער און זיך אָבגעבריהט די פּיאַטעס — האָט דער וואָלף אַ ברום געטהון. — טאַבאַקי איז צוזאַמען מיט איהם.

— עמיץ קומט אַרויף אויף אונזער בערגעל — האָט די וועל־פין געזאָגט, זיך צוהערענדיג מיט איין אויער. — האַלט זיך פאָר־זיכטיג.

עס האָט אָנגעהויבען לייכט צו קנאַקען צווישען די קוסטעס. דער וואָלף האָט צונויפגעצויגען די זייטען, זיך איינגעצויגען אין זיך, בערייט אַ שפרונג צו טהון. און אָט, ווען איהר וואָלט געוועןן דערביי, וואָלט איהר דערזעהן די וואונדערבאַרסטע זאַך אין דער וועלט, און נעמליך: אַ וואָלף, וואָס האָט זיך פערהאַלטען אין סאַמע מיטען שפרונג. ער האָט זיך אַ לאָז געטהון, נאָך איידער ער האָט בעוויזען צו דערקענען, אויף וועמען ער וואַרפט זיך, דער־נאָך אָבער האָט ער געפרובט זיך פערהאַלטען. דערפון איז אַרויס־געקומען אַ שפרונג פון פיער ביז פינף פוס געראַד אין דער הויך, נאָך וועלכען ער איז אַראָבגעפאַלען כמעט אויף דעם זעלבען אָרט, פון וועלכען ער האָט אַ שפרונג געטהון.

— אַ מענש! — האָט ער אויסגעקרעכצט. — אַ קליין מענ־שעלע. טהו נאָר אַ קוק!

ווירקליך, פאַר איהם איז געשטאַנען, אָנגעלעהנט אויף אַ קליין שטעקעל, אַ ברוינליך נאַקעט יונגעלע, וואָס הויבט ערשט אָן צו געהן, דאָס ליבסטע און ווייכסטע בעשעפעניש'על, וואָס האָט זיך נאָר ווען עס איז געקאָנט בעוויזען ביינאַכט אין דעם וואָלפענ־גרוב. עס האָט אויפגעהויבען דאָס קעפּעלע, אַ קוק גע־טהון דעם אַלטען וואָלף גלייך אין די אויגען אַריין און זיך צע־לאַכט.

— איז דאָס הייסט עס אַ קליינער מענש? — האָט די וועל־פין געזאָגט. — איך האָב נאָך קיינמאָל אַזעלכען נישט געזעהן. ברענג איהם אַהער!

דער וואָלף, וועלכער איז געוואָהנט אַריבערצוטראָגען זיינע אייגענע קינדער, קאָן אין פרעסער אַריבערטראָגען, ווען ער וויל, אַ איי און דאָס נישט צעקוועטשען. און האָטש די קיהנבאַקען פון דעם אַלטען וואָלף האָבען זיך צונויפגעדריקט אויף דעם קינדס פליי־צעס, דאָך האָט אָפּילו קיין איין צאָהן נישט אַ ראַץ געטהון זיין הויט, ווען ער האָט עס אַוועקגעלעגט צווישען זיינע קינדערלעך.

— ס'אַ שענינקער! ס'אַ נאַקעטינקער!... און אַזאַ מוטיגער!— האָט די וועלפין געריהרט גערעדט.

דאָס קינד האָט זיך צוגעדריקט צוזאַמען מיט די װעלפעלעך צום װאַרעמען שוים.

— האַ, האַ! ער נעהמט זיך אויך מיט אַלע איבעריגע צו דער װעטשערע... אַזוי, איז דאָס הייסט עס אַ קלײנער מענש.... עס איז נאָך זיכער נישט געװען קיין װעלפין, װעלכע זאָל זיך קאָנען בערימען, דאָס זי האָט צװישען איהרע אייגענע קינדער געהאַט אַ מענשען.

— פערקעהרט, איך האָב שוין אַמאָל געהערט װעגען אַזאַ מין מעשה, נאָר אַלענפאַלס נישט אין אונזער מהנה און נישט פאַר אונזערע צייטען, — האָט דער װאָלף געענטפערט. — ער האָט גאָר קיין װאָל נישט; איך װאָלט איהם געקאָנט הרגענען, װען איך װאָלט זיך נאָר צוגעריהרט צו איהם מיט'ן פוס. דערװײַל אָבער, זעה נאָר, ער קוקט אויף מיר און האָט גאָר קיין מורא נישט!

דער שײַן פון דער לבנה איז פלוצלונג פערלאָשען געװאָרען בײַ'ם אײַנגאַנג צו'ם גרוב, װײַל דער געװאַלדיגער קװאַדראַט־מע־סיגער קאָפּ און דער ברײַטער קאַרק פון שער־האַן האָבען פער־שטאָפּט די גאַנצע לאָך און זיך געסטאַרעט זיך אַרײַנצוקװעטשען אינװעניג. פון הינטען האָט טאַבאַקי געברומט:

— גנעדיגער הערר, גנעדיגער הערר! ער איז אַרײַנגעגאַנגען אַהער.

— אַ, שער־האַן! װאָס פאַר אַ עהרע פאַר אונז — האָט זיך אָנגערופען דער װאָלף דער פאָטער, און זײַנע אויגען האָבען אַ בליץ געטהון מיט צאָרן. — װאָס װינשט זיך עס שער־האַן?

— מײַן רויב. דער קלײנער מענש האָט זיך געלאָזט אַהער, אין דער זײַט. זײַנע עלטערן זענען אַנטלאָפען. גיעב מיר איהם אָב!

שער־האַן איז װירקליך, װי דער װאָלף האָט געזאָגט, אַרויס־געשפּרונגען אויף אַ לאַגער פון האָלצהעקער, און די אָבגעבריהטע פיס האָבען איהם געמאַכט אונזיניג פאַר צאָרן. נאָר דער װאָלף האָט געװאוסט, אַז די לאָך אין גרוב איז צו שמאָל פאַר אַ טיגער. שטעהענדיג מיט'ן קאָפּ און קאַרק אַרײַנגעדריקט אין דער ענגער לאָך, האָט ער אויסגעזעהן װי אַ מענש, װעלכער װאָלט װעלען קעמפפען אין אַ פעסעל.

— די װעלף זענען אַ פרײַ פאָלק און פאָלגען נאָר די בע־

פעהלען פון דעם הויפט פון דער מחנה, נאָר נישט אַ וועלכען עס איז קעלבער־שוחט. דער קליינער מענש געהער אונז, און מיר וועלען איהם טוידטען, ווען עס וועט אונז געפעלען ווערען.

— געפעלען ווערען, זעהט נאָר! וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ ווערטער! איך שווער אויפ'ן אָקס, וועלכען איך האָב געטויט: ציַ דען מוז איך וואַרטען מיט אַנ'אַריינגעשטעקטער נאָז אין דעם דאָזיגען הינטישען גרוב אַייערן, אויף דעם, וואָס געהער אונבעדינגט מיר? איהר הערט, שער־האַן רעדט דאָס צו אַייך!...

דעם טיגערס ריטש האָט פול געמאַכט דעם גרוב מיט אַ דונער. די וועלפין האָט אָבגעוואָרפען די קינדער פון דער ברוסט און איז צוגעשפרונגען צום אַרויסגאַנג, אָנשטעלענדיג איהרע צוויי אויגען, וואָס האָבען געגלאַנצט אין דער פינסטערניש אַזוי ווי צוויי גרינע לבנות, אַקעגען די ברענענדע אויגען־עפּעל פון שער־האַן.

— אויב אַזוי, וועל איך, דער בייזער גייסט, דיר ענטפערן. דער קליינער מענש געהער מיר, דו הערסט, לאָהמער, מיר געהער ער! ער וועט נישט געטויט ווערען. ער וועט לעבען, און ער וועט אַרומגעהן מיט דער מחנה און וועט געהן אויף דער יאַגד מיט דער מחנה, — און דו וועסט זעהן, דו, פאַנגער פון קליינע נאַקעטע בעשעפענישען, דו פרעש־פרעסער, דו פיש־מערדער! דו וועסט זעהן, ער וועט נאָך אַמאָל אויף דיר מאַכען אַ יאַגד! און איצט — אַוועק זאָלסטו מיר געהן פון דאַנען! אויב נישט, שווער איך אויף דעם הירש, וועלכען איך האָב געטוידט (דען איך ערנעהר מיך נישט מיט קעלבער, וואָס פגר'ן פון הונגער), דאָס דו וועסט צוריקקעהרען צו דיין מאַמען, דו אָבגעבריהטע בעסטיע פון דער וויסטע, נאָך פיעל לאָהמער, ווי דו ביזט געקומען אויף דער וועלט. אַוועק פון דאַנען!

דער וואָלף האָט אויפגעהויבען די אויגען ערשטוינט. ער האָט שוין געהאַט פערגעסען וועגען יענע צייטען, ווען ער האָט, נאָך אַ הייסען קאַמפף מיט אַנדערע פינף וועלף, איינגענומען פאַר זיך זיין וועלפין, ווען בשעת די גרויסע שטרייטען פון דער מחנה האָט מען איהר אַ נאָמען געגעבען, און זיכער נישט אומזיסט, „דער בייזער גייסט”. שער־האַן וואָלט זיך געקאָנט שטעלען אַקעגען דעם וואָלף, נאָר די וועלפין האָט ער מורא געהאַט אַ קלאַפּ צו טהון, דען ער האָט געוואוסט, אַז אין דער פּאָזיציע איז זי פיעל שטאַרקער ווי ער און

אַז זי וועט קעמפּפען ביז צום טויט. און ער איז אַוועקגעגאַנגען פון דער לאָך ברומענדיג, און ווען ער האָט זיך שוין דערפיהלט אויף אַ פרייער שטרעקע האָט ער אויסגערופען:

— אויף זיין מיסט איז יעדער הונד ביי זיך גרויס! מיר וועלען זעהן, וואָס די מחנה וועט זאָגען אויף אַזאַ מין ערציהונג פון אַ קליינעם מענשען. דער קליינער געהער מיר, און מעג זיין וואָס עס וויל זיך, סוף כל סוף מוז ער אַריינפאַלען אין מיינע ציינער, דאָס זאָלט איהר זיך נעהמען אין זינען אַריין, איהר, רויבער מיט די וואָליגע וועדלען!

די וועלפין איז געפאַלען אַ מידע צווישען די וועלפעלעך, און דער וואָלף האָט זיך אָבגערופען ערנסט:

— שער-האַן איז גערעכט. מען מוז דעם קליינעם ווייזען דער מחנה. צי טראַכסטו דעם ווילסטו איהם בעהאַלטען ביי זיך, מוטער?

זי האָט אַזש אויסגעקרעכצט:

— צי איך וויל איהם בעהאַלטען!... געקומען אַ נאַקעטינקער, ביינאַכט, איינער אַליין, שטאַרבענדיג פון הונגער און האָט אפילו קיין שרעק נישט געפיהלט. זעה, אָט האָט ער שוין אָבגעשטופּט אָן אַ זייט איינם פון אונזערע. און דער דאָזיגער לאָהמער שינדער וואָלט איהם געטוידט, און דערנאָך וואָלט ער אַנטלאָפען צו וואַינגונגאַ, וועהרענד די היגע דאָרפס-לייט וואָלטען דערוייל אַריינפאַלען אין אונזערע לאַגערס, מאַכענדיג אַ אָבלאַווע, כדי זיך נוקם צו זיין פאַר זיין טויט. צי איך וויל איהם בעהאַלטען? אָבער נאַטירליך! ליעג דיר, קליין פרעשעלע, מיין מאָוגלי, דען איך וועל דיך רופען מאָוגלי-פרעשעלע. עס וועט קומען אַ צייט, ווען דו וועסט זיך אַרויסלאָזען אויף דער יאַגד נאָך שער-האַנ׳ען, אַזוי ווי ער האָט זיך היינט געיאָגט נאָך דיר!

— מיר וועלען זעהן, וואָס אונזער מחנה וועט זאָגען, — האָט דער וואָלף געזאָגט.

די געזעצען פון דער וויסטע בעשטימען מפורש, אַז יעדער וואָלף, נאָך זיין חתונה האָבען, מעג אַרויסגעהן פון דער מחנה, צו וועלכער ער געהער, נאָר פון דער מינוט, ווען זיינע וועלפעלעך וואַקסען אונטער אויף אַזוי פיעל, אַז זיי קאָנען זיך שוין האַלטען אויף די פיס, מוז ער זיי ברענגען אויף דער פערזאַמלונג פון דער מחנה, וואָס קומט פאַר געוועהנליך יעדען מאָנאַט ביי

דער פולער לבנה, כדי די איבעריגע וועלף זאלען זיך קאנען איבערצייגען, אז דאס זענען זיי טאקי די זעלביגע. נאך דער דאזיגער בעקוקעניש ווערט די וועלפעלעך ערלויבט צו געהן, וואוהין זיי געפעלט, און ביז דער מינוט, ווען זיי איז געלונגען צו פאנגען די ערשטע סערנע, טאר קיין ערוואקסענער וואלף פון דער זעלביגער מהנה אין קיין פאל נישט הרג'ענען קיינעם פון זיי. דעם מערדער קומט טויט=שטראף אויף דעם ארט, וואו מען האפט איהם. בעקלערט זיך וועגען דעם א ווילע, און איהר וועט מודה זיין, דאס אזוי דארף צו זיין.

אלס דער וואלף דער פאטער האט זיך דערווארט די מינוט, ווען די קליינע וועלפעלעך האבען שוין אנגעהויבען ארומלויפען, האט ער זיי אין דער נאכט פון דער פערזאמלונג געבראכט צוזאמען מיט מאוגלי'ן און מיט דער וועלפין אויף דעם בעראטונגספעלזען, ד. ה. אויפ'ן שפיץ פון א בארג, וואס איז געווען ארומגערינגעלט מיט פעלזען, אויף וועלכען ארום הונדערט וועלף האבען געקאנט רוהיג האלטען א בעראטונג. אקעלא, א גאנץ גרויסער גרויער וואלף, וואס האט געלעבט איינזאם און וואס זיין קראפט און פערשטאנד האבען איהם געשטעלט אין דער שפיץ פון דער מהנה, איז געלעגען אויסגעצויגען אויף זיין פעלזען; עטוואס ניעדעריגער האבען זיך אויסגעלעגט העכער פיערציג וועלף פון פערשיעדענסטען אלטער און קאליר, אנהויבענדיג פון די אלטע וועלף מיט זייער דאכס=קאליר, וואס יעדער פון זיי האט זיך געקאנט אליין א עצה געבען מיט א הירש, ביז די יונגע שווארצע דרייעהריגע וועלף, וועלכע עס האט זיך געדוכט, אז זיי וועלען דאס אויך קאנען בעווייזען. דער איינזאמער איז שוין צייט א יאהר געווען זייער אנפיהרער. יונגערהייד איז ער צוויי מאל געהאט אריינגעפאלען אין א וואלפען=נעץ, און איינמאל האט מען איהם זאגאר שטארק צעשלאגען מיט שטעקענס און איהם אוועקגעווארפען אלס א טויטען; ער האט דעריבער שוין גוט געקענט די מענשליכע זיטען און אויפפיהרונג.

קיין גרויסע וכוחים האט מען אויפ'ן פעלזען נישט געהאלטען. די וועלפעלעך זענען ארויסגעשטעלט געווארען אויפ'ן מיטען פון ראד, אין וועלכען עס זענען געזעסען אויך זייערע עלטערן, און פון צייט צו צייט איז איינער פון די עלטערע וועלף רוהיג

צוגעגאנגען צו איינעם פון די קליינע, זיך אויפמערקזאם צוגע־קוקט צו איהם און מיט שטילע טריט צוריקגעגאנגען אויף זיין ארט. צייטענווייז האט איינע פון די מוטערס ארויסגעשטעקט איהר וועלפעלע אויפ'ן שיין פון דער לבנה, וועלענדיג זיך איבערצייגען, צי איז עם נישט צעקוועטשט געווארען. אקעלא האט פון זיין ארט אויסגעשריען:

— אייך איז בעקאנט דאס געזעץ. אייך איז בעקאנט דאס געזעץ. קוקט זיך צו אויפמערקזאם, וועלף!

און נאך איהם האבען די מוטערס וויעדערהאלט מיט אונ־רוהע:

— קוקט זיך צו אויפמערקזאם, קוקט זי צו אויפמערקזאם, וועלף!

ענדליך האט די וועלפין די מוטער דערפיהלט, ווי די וואל שטעלט זיך איהר שטייף אויפ'ן קארק: דער וואלף דער פאטער האט ארייגעשטויסען „מאוגלי־פרעשעלע'ן", ווי מען האט איהם גע־רופען, אויפ'ן מיטען פון ראד, וואו דאס קינד האט זיך מיט אמאל א ווארף געטהון אויף דער ערד מיט א געלעכטער און האט אנ־געהויבען צונויפקלויבען די שטיינדעלעך, וועלכע האבען געלויכטען אין גלאנץ פון דער לבנה.

אקעלא האט אפילו נישט אויפגעהויבען דעם קאפ פון צווי־שען די אויסגעצויגענע לאפעם, וויעדערהאלענדיג אלץ מיט דעם זעלבען טאן:

— קוקט זיך צו אויפמערקזאם!

פלוצלונג האט זיך אנ'איינגעהאלטענער ריטש געלאזט הע־רען פון הינטער די פעלזען. דאס האט שער־האן געשריען:

— דער קליינער געהער מיר. גיעט מיר איהם אוועק. וואס קאן א פרייען פאלק אנגעהן א קליינער מענש?

ביי אקעלא'ן האבען אפילו די אויערן קיין ציטער נישט גע־טהון. ער האט זיך ווייטער גערעדט:

— קוקט זיך צו אויפמערקזאם, וועלף! א פריי פאלק פאלגט נישט קיינעמס בעפעהלען אויסער אייגענע. קוקט זיך צו אויפ־מערקזאם!

ארום און ארום האט זיך דערהערט אנ'איינגעהאלטען גע־מורמעל, און עפעס א יונגער פיער־יעהריגער וואלף האט זיך גע־

ווענדעט צו אַקעלאַ'ן און האָט וויעדערהאָלט שער=האַנ'ס פראַגע:

— וואָס קאָן אַ פרייען פאָלק אָנגעהן אַ קלייִנער מענש?

די געזעצען פון דער וויסטע בעהויפּטען, אַז אויב עס ערוועקט זיך אַ צווייפעל, צי אַ יונג וועלפעל האָט דאָס רעכט צו געהערען צו דער מחנה, איז אויב צוויי מיטגליעדער פון דער מחנה, אויסער די עלטערן, גיבען זייערע שטימען פאַר איהם, בלייבט ער פאַר דער מחנה.

— ווער גיעט זיין שטימע פאַר דעם דאָזיגען קלייִנעם מענשען? — האָט אַקעלאַ געזאָגט. — ווער פון די מיטגליעדער פון פרייען פאָלק גיעט אַ שטימע?

קיין ענטפער. די וועלפין די מוטער האָט זיך שוין געגרייט צום קאַמפף, וויסענדיג, אַז אויב עס וועט דערגעהן ביז אַ קאַמפף, וועט עס שוין זיין איהר לעצטער. פלוצלונג האָט דער איינציגער אויסלענדער, וועלכער איז צוגעלאָזען געוואָרען צו די בעראַטונגען פון דער מחנה, באַלאו, אַ פערשלאָפענער ברוינליכער בער, וועלכער לערנט די וועלפעלעך די געזעצען פון דער וויסטע, דער אַלטער באַלאו, וועלכער האָט אומעטום אַ פרייען איינגאַנג, ווייל ער ערנעהרט זיך נאָר מיט ניס, וואָרצלען און האָניג, — זיך אַ הויב געטהון און אויסגעמורמעלט:

— פאַר דעם קלייִנעם מענשען... פאַר דעם קלייִנעם מענשען? — האָט ער אָנגעהויבען. — איך גיעב מיין שטימע פאַר דעם קלייִנעם מענשען... אַ קלייִנער מענש דאָס איז גאָר קיין בייז נישט. איך קאָן נישט שען רעדען, נאָר איך רעד אֶמת. ערלויבט איהם אַרומצולויפען מיט דער מחנה, פעראייניגט איהם מיט די איבעריגע. און איך אַליין וועל איהם לעקציעס געבען.

— מיר מוזען האָבען נאָך איין שטימע — האָט זיך אַקעלאַ אָבגערופען. — באַלאו, דער לעהרער פון אונזערע קינדער, האָט שוין איין שטימע געגעבען. ווער שטעהט=צו צו באַלאו'ס מיינונג?

אויפ'ן מיטען פון ראָד איז געפאַלען עפּעס אַ שאָטען. דאָס איז געוועזען באַגהיראַ, די שוואַרצע פאַנטערין. איהר פוטער איז געוועזען שוואַרץ ווי טינט, נאָר ביי אַ געוויסער בעלייכטונג האָט עס זיך אומגעביטען. באַגהיראַ'ן האָבען געקענט אַלע און קיינער האָט נישט געוואַגט צו שטערען איהרע פּלענער, דען זי איז געוועזען

אויך אַזוי הויטרע ווי טאַבאַקי, אויך אַזוי דרייסט ווי אַ ווילדער ביפעל (בוּיוואָל) און אויך אַזוי אונערשראָקען ווי אַ פערוואונדעטער עלפאַנט. נאָר אַ שטימע האָט זי געהאַט זיסער ווי דער ווילדער האָניג, וואָס רינט אַראָב טראָפּענווייז פון די בוימער, און די האָהר איהרע זענען געווען דעליקאַטער ווי פוך.

— אַקעלאַ, און דו, פריי פאָלק! — האָט זי אָנגעהויבען ברומען. אין אייער פערזאַמלונג האָב איך נישט קיין שטימע. נאָר די געזעצען פון דער ווילדער זאָגען, אַז אויב עס ערוועקט זיך אַ צווייפעל בנוגע צו אַ מינדעריעהריגען, קאָן זיין לעבען ווערען אויסגעלעזט פאַר אַ געוויסען פרייז. און ווער עס מעג אָדער טאָר נישט בעצאָהלען דעם אויסלעזונגס־פרייז, וועגען דעם ווערט אין געזעץ נישט דערמאָהנט. צי בין איך נישט גערעכט?

— פאָלשטענדיג! — האָבען אויסגעשריען די עביג־הונגעריגע יונגע וועלף.

— פאָלגט באַגהיראַ'ן. דער קלייגער קאָן אויסגעלעזט ווערען. אַזוי פערלאַנגט דאָס געזעץ.

— אַזוי ווי איך האָב נישט דאָ קיין רעכט צו זאָגען אַ מיינונג, דעריבער בעט איך אַ ערלויבניש.

— רעד, רעד! — האָבען אויסגעשריען עטליכע צעהנדליגער שטימען.

— עס איז אַ שאַנדע צו ערמאָרדען קליינע נאַקעטע קינדער. אויסער דעם וועט דער קלייגער, ווען ער וועט אונטערוואַקסען, פאַר אייך זיין אַ בעסערער ביסען. באַלאָו האָט זיך פאַר איהם אָנגענומען. צו באַלאָו'ס מיינונג גיעב איך צו אַנ'אָקס, און דערצו נאָך אַ פעטען אָקס, וועלכען איך האָב נאָר וואָס געטוידט קוים אַ האַלבע מייל ווייט פון דאַנען, נאָר נעהמט צו צווישען זיך דעם קליינעם מענשען לויט די געזעצען. צי שטערט עפּעס מיין פּלאַן?

עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ ברומעריי פון עטליכע צעהנדליגער שטימען:

— וואָס קאָן דאָס שאָדען? ער וועט סיי ווי סיי שטאַרבען פון די ווינטער־רעגענס; די זון וועט איהם פערברענען... צי דאַרפען מיר מורא האָבען פאַר אַ נאַקעטען פראָש?... זאָל ער זיך אַרומלויפען מיט דער מחנה... וואו איז דער אָקס, באַגהיראַ?... מען דאַרף איהם אויפנעהמען!

און עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אַקעלאַ'ס איינגעהאַל־טענעס בילען:

— קוקט זיך צו אויפמערקזאַם, קוקט זיך צו אויפמערקזאַם, וועלף!

מאַוגלי האָט זיך נאָך אַלץ געשפּילט מיט די שטיינדעלעך, נישט לעגענדיג קיין מינדעסטע אַכט אויף די וועלף, וועלכע זענען איינער נאָכ'ן צווייטען צוגעגאַנגען איהם בעקוקען.

ענדליך האָבען זיך אַלע אַ לאָז געטהון טיעף אין טהאָל אַריין, אויפצוזוכען דעם גע'הרג'עטען אָקס, און אויפ'ן פעלזען זענען גע־בליבען נאָר אַקעלאַ, באַגהירא, באַלאָו און מאַוגלי'ס אָפּעקונעס.

שער־האַן האָט נאָך געריטשעט אין דער פינסטערניש, אונ־זיניג פון צאָרן, דערפאַר וואָס איהם איז נישט געלונגען צו בע־קומען צוריק דאָס יונגעל.

— ריטשע דיר, ווי פיעל דיין האַרץ גלוסט, — האָט באַגהירא אַ בּרום געטהון פאַר זיך, — עס וועט קומען אַ צייט, ווען דאָס דאָזיגע קליינס וועט דיך צווינגען צו ריטשען מיט אַנ'אַנדערן טאָן, אָדער איך האָב שוין אינגאַנצען אויפגעהערט קענען די מענשען.

— ס'איז גוט, וואָס עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט, — האָט אַקעלאַ געזאָגט: — די מענשען און זייערע קליינע זענען קלוגע בעשעפעניששען. דער דאָזיגער קליינער קאָן אונז צו נוץ קומען.

— אמת, — האָט באַגהירא געענטפערט, — ער קאָן אונז צו נוץ קומען, דען קיינער קאָן נישט אָבלייקענען, אַז ער וועט שטענדיג זיין דער אָנפיהרער פון דער מחנה.

אַקעלאַ האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט געטראַכט וועגען דער מינוט, וואָס ערוואַרטעט יעדען הויפּט פון דער מחנה, ווען די קרעפטען העלען איהם אויסגעהן און, וועדענדיג שוואַכער פון טאָג צו טאָג, וועט ער סוף כל סוף געטוידט ווערען דורך די וועלף, און זיין שטעלע וועט פערנעהמען אַ נייער הויפּט, וועל־כען עס וועט אין דער צוקונפט אויך נישט אויסמיידען דער זעל־בער שיקזאַל.

— נעהם איהם — האָט ער געזאָגט צום וואָלף דעם פאָ־טער — און ערציה איהם, ווי עס פאַסט פאַר אַ מיטגליעד פון אַ פרייען פאָלק.

אָט אויף אַזאַ אופן איז מאַוגלי אויפגענומען געוואָרען צווישען

דער מתנה וועלף פון סיאָני פאַר דעם פּרייז פון אַ אָקס און פאַר אַ גוט וואָרט פון באַלאָו.

. . . .

און איצט מוזט איהר איבערשפּרינגען גאַנצע צעהן אָדער עלף יאָהר און זיך בלויז פאָרשטעלען די וואונדערבאַרע לעבענס־אַרט פון מאוגלי צווישען די וועלף, דען ווען איך וואָלט דאָס געוואָלט בעשרייבען, וואָלט איך געמוזט פערפאַסען איין גאָט ווייס וויפיעל ביכער.— ער איז אויפגעוואַקסען צוזאַמען מיט די וועלפעלעך, האָטש זיי, פערשטעהט זיך, זענען שוין לאַנג געוואָרען וועלף, וועהרענד ער איז נאָך אַלץ געווען אַ קינד. דער וואָלף דער פאָטער האָט איהם אויסגעלערנט צו פערדינען אויף צום לעבען און האָט איהם ערקלערט די בעדייטונג פון יעדער זאַך אין דער וויסטע אַזוי לאַנג, ביז עס האָט ענדליך יעדער ציטער פון אַ גרעזעל, יעדער וואַרעמער ווינדהויך ביינאַכט, יעדער געשריי פון אַ סאָווע איבער זיין קאָפּ, יעדעס גערויש פון דער קאָרע, וואָס איז צעראַצט געוואָרען דורך אַ פלעדערמויז, וואָס האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ בוים זיך אָבצורוהען, יעדער פּלאַטש פון דעם מינדעסטען פישעלע אין טייך,— דאָס אַלץ האָט בעקומען פאַר איהם פּונקט אַזאַ בעדייטונג, ווי די ביוראָ־אינטערעסען פאַר אַ מענשליכען געשעפטס־אַרבייטער. בשעת די פויזען צווישען די לעקציעס האָט ער זיך געזעצט אויף דער זון און איז געשלאָפען, דערנאָך האָט ער געגעסען און איז ווידער איינגעשלאָפען; ווען די שמוציגקייט אָדער די היץ האָט איהם דאָקוטשעט, האָט ער זיך געבאָדען אין די וואַלד־טייכען, און ווען עס האָט איהם אויסגעפעהלט האָניג (פון באַלאָו'ן האָט ער זיך דערוואוסט, אַז האָניג און ניס זענען אויך אַזאַ אַנגענעהמע נאַהרונג ווי רויהע פליייש), פלעגט ער אַרויפקריכען נאָך האָניג אויף די בוימער. די דאָזיגע קונסט האָט איהם אויסגעלערנט באַגהיראַ. זי פלעגט זיך אויסציהען אויף אַ צווייג און פלעגט איהם צורופען: „קום צו מיר, ברודעריל!" און מאוגלי פלעגט מיט אַמאָל נעהמען קלעטערן אַזוי ווי דאָס פוילמיער, נאָר סוף כל סוף האָט ער זיך דערין איינגעאיבט און פלעגט מוטיג דורכקריכען דורך די דיקע צווייגען אַזוי ווי אַ גרויע מאַלפּע.

מען האָט איהם בעשטימט אַ אָרט אויף דעם בעראַטונגס־פעלזען בשעת די פערזאַמלונגען, און דאָרט טאַקי האָט ער געמאַכט די ענטדעקונג, אַז ס'איז איהם גענוג אָנצושטעלען אַ בליק אויף וועלכען

עס איז וואָלף, כדי איהם צו צווינגען אַראָבצולאָזען די אויגען; פון דעמאָלט אָן פלעגט ער דאָס טײלמאָל טהון פון פערגניגען וועגען. טײלמאָל פלעגט ער אַרויסציהען די לאַנגע דערנער־נאָדלען פון די קודלעס פון זײַנע פרײַנד, דען די וועלף לײַדען שרעקליך פון די נאָדלען און דערנער, וואָס פערפּלאָנטען זיך אין זײַער פעל. בײַנאַכט פלעגט ער אַראָבגעהן דורך דער משופּעקײַט פון באַרג אויף די בעאַרבײַטע פעלדער און פלעגט זיך נײַגיעריג צוקוקען צו די דאָרפס־לײַט אין זײַערע הײַזלעך, נאָר ער האָט צו מענשען נישט געהאַט קײַן צוטרויען, דען באַגהיראַ האָט איהם אַמאָל געוויזען אַ פערזײַטיגען קאַסטען מיט אַ צופאַלענדע ווענדטעל, וועלכער איז געווען אַזוי קונציג בעהאַלטען אין גראָז, אַז ער האָט שיער נישט אַרויפגעטרעטען דערויף, און זי האָט איהם ערקלערט, אַז דאָס איז אַ נעץ. גאָר זײַן הויפּט־פערגניגען איז געווען זיך אַרײַנצושטופּען מיט באַגהיראַ׳ן ביז אין די סאַמע פינסטערסטע געדיכטעסטע קוסטעס און דאָרט דורכשלאָפען אַ גאַנצען לאַנגען טאָג, כדי דערנאָך, ווען די נאַכט קומט אָן, זיך צוצוקוקען, ווי באַגהיראַ געהט אויף דער יאַגד. זי פלעגט טויטען אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי דער הונגער פלעגט איהר פיהרען, און מאָוגלי האָט אויך געטהון דאָס זעלבע, נאָר מיט איין אויסנאַהם. דען פון דער מינוט, ווי ער האָט שוין אָנגעהויבען פערשטעהן, האָט איהם באַגהיראַ געזאָגט, אַז ער טאָר קײַנמאָל נישט אָנריהרען קײַן בהמות, ווײַל אויף דער פערזאַמלונג פון דער מחנה איז ער אויסגעלעזט געוואָרען פאַר דאָס לעבען פון אַ אָקס.

— די גאַנצע וויסטע געהער דיר, — האָט באַגהיראַ צו איהם געזאָגט, — מעגסט אין איהר הרגענען אַלץ, אויף וואָס דו האָסט נאָר געניג כח, נאָר צום אָנדענקען פון יענעם אָקס, וועלכער האָט דיך אויסגעלעזט, טאָרסטו קײַנמאָל נישט ערמאָרדען נישט עסען קײַן רינד, צי יונג צי אַלט. אַזוי פערלאַנגט דאָס געזעץ פון דער וויסטע.

און מאָוגלי האָט עס שטרענג אָבגעהיט.

אָט אַזוי איז ער אויפגעוואַקסען און איז געוואָרען שטאַרק, ווי עס מוז ווערען שטאַרק אַ יונגעל, וואָס געהט נישט אין שולע און בעשעפטיגט זיך נישט אין לעבען מיט קײַן אַנדער זאַך אויסער דעם, וואָס אַנבעלאַנגט צום עסען.

די וועלפין האָט איהם עטליכע מאָל ווידערהאָלט, אַז שער־האַן איז נישט אַזאַ בעשעפעניש, צו וועלכער מען מעג האָבען צוטרויען,

און אַז סוף כּל סוף וועט ער זיין געצוואונגען צו טוידטען שער־האַנ׳ען; אַ יונג וועלפעלע וואָלט אָהן צווייפעל אַזאַ וואַרנונג געדענקט אין יעדער מינוט פון זיין לעבען, נאָר מאוגלי האָט דאָס פערגעסען, דען ער איז געוועזען נאָר אַ קליין יונגעל, טראָץ דעם, וואָס ער וואָלט זיך אַליין זיכער אָנגערופען וואָלף, ווען ער וואָלט געקאָנט רעדען אויף וועלכער עס איז מענשליכער שפּראַך.

שער־האַן האָט וועגען איהם נישט פערגעסען. וואָס מעהר דער הויפּט אַקעלאַ איז עלטער געוואָרען און האָט פערלאָרען זיינע קרעפטען, אַלץ אַ נעהנטערע פריינדשאַפט האָט דער לאַהמער טיגער געשלאָסען מיט די יונגסטע וועלף פון דער מחנה, וועלכע האָבען זיך מיטגעשלעפּט מיט איהם, זיך ערנעהרענדיג פון זיינע רעשטלעך; וואָס אַנ׳אמת, אַקעלאַ וואָלט דאָס קיינמאָל נישט ערלויבט, ווען ער וואָלט געהאַט געניג מוט אַרויסצוווייזען זיין גאַנצע מאַכט. אויסער דעם האָט שער־האַן געהנפה׳ט די וועלף, אויסדריקענדיג זיי זיין פערוואונדערונג, וואָס אַזוי פיעל שענע יונגע יעגער לאָזען זיך פיהרען ביי דער נאָז פון אַנ׳אַלטען וואָלף און אַ קליינעם מענשען.

— אַ סברא, — פלעגט שער־האַן זאָגען, — דאָס אויף דער פערזאַמלונג וואַגט איהר נישט איהם צו קוקען גלייך אין די אויגען.

און די יונגע וועלף האָבען געמורמעלט און געקוועטשט מיט די רוקענס.

באַגהיראַ, וואָס איהרע אויגען און אויערן האָבען דערגרייכט אומעטום, האָט וועגען דעם עפּעס דערהערט און האָט אַ פּאָר מאָל אויסדריקליך מאָוגליין ערקלערט, דאָס שער־האַן לויערט אויף זיין לעבען. נאָר מאוגלי האָט געלאַכט און געענטפערט:

— פאַר מיר געדהמט זיך אָן די גאַנצע מחנה, דו, און אויך באַלאו, האָטש אַ לעדיג־געהער, דאָך וועט ער נישט זשאַלעווען זיינע לאַפּעס אויף צו בעשיצען מיך. וואָס זשע האָב איך מורא צו האָבען?

איין מאָל אין אַ הייסען טאָג איז באַגהיראַ׳ן געקומען אין קאָפּ אַ נייער געדאַנקען, פיליכט אונטער דעם איינפלוס פון די אויסגעהערטע ידיעות. עס קאָן אויך זיין, אַז סאַהי, דאָס שטאַכעלטיער, האָט איהר וועגען דעם עפּעס געזאָגט. געניג איז, אַז ווען זי איז איין מאָל געוועזען מיט מאוגליין אַליין טיעף אין די געדיכטעסטע קוסטעס, האָט זיך באַגהיראַ אָבגערופען צום יונגעל, וואָס איז געלעגען מיט׳ן קאָפּ אָנגעלעהנט אויף דעם שענעם שוואַרצען פוטער פון דער פּאַנטעריין:

— ברודערל, וויפיעל מאָל האָב איך דיך שוין געוואָרנט, דאָס שער־האַן איז דיין שונא?

— אַזוי פיעל מאָל וויפיעל ניס עס וואַקסען אָט אויף דער דאָזיגער פאַלמע,— האָט געענטפערט מאוגלי, וועלכער האָט, ווי עס ווייזט אויס, נישט געקאָנט צעהלען.— נאָר וואָס מאַכט עס אויס? מיר ווילט זיך שלאָפען, באַגהירא, און שער־האַן בעדייט פאַר מיר אַזוי פיעל, וויפיעל דער רוישענדער פפוי (פאַווע), מאָר!

— ניין, ס'איז שוין צייט נישט צו שלאָפען. באַלאָו וויים דאָס, און איך וויים עס אויך; די גאַנצע מהנה וויים, און אפילו די דאָזיגע קליינע האַמהירשען וויסען שוין אויך... טאַבאַקי אַליין האָט דאָס דיר שוין געזאָגט.

— אָ, אָ!— האָט מאוגלי אויסגערופען.— טאַבאַקי איז די טעג געקומען צו מיר און האָט מיך אָנגעהויבען זידלען, דאָס איך בין אַ קליינע נאַקעטע בעשעפעניש, וואָס טויג נישט צו קיין זאַך. נאָר איך האָב אָנגעהאַפּט טאַבאַקי'ן פאַר'ן וועדעל און איהם אַ זעץ געטהון צוויי מאָל אָן דעם שטאַם פון אַ פאַלמענבוים, כדי איהם אויסצולערנען אַ שענערע אויפפיהרונג.

— האָסט דאָס געטהון אונבערעכענט, דען טאַבאַקי, האָטש ער איז אַ שלימזל, האָט געהאַט דיר עפּעס צו זאָגען, וואָס געהט דיך שטאַרק אָן. עפען זשע אויף די אויגען, ברודערל. שער־האַן וואַגט נישט דיך צו טויטען אין דער וויסטע, נאָר טהו נאָר אַ קלער, דאָס אַקעלאַ איז שוין זעהר אַלט געוואָרען, דאָס ס'איז שוין נישט ווייט דער טאָג, אין וועלכען ער וועט נישט קאָנען טוידטען אַ הירש, און דאַן וועט ער אויפהערען צו זיין דער אָנפיהרער פון דער מהנה. דאָס רוב פון די וועלף, וועלכע האָבען בעשלאָסען דיך אויפצונעהמען אין דער מהנה, זענען שוין אויך אַלט געוואָרען, און די יונגע וועלף זענען דער מיינונג— אין דערין האָט זיי שער־האַן איבערצייגט— דאָס פאַר אַ קליינעם מענשען איז נישטאָ קיין פלאַץ אין דער מהנה. אין גיכען וועסטו ווערען אַ מאַנספערזאָן...

— און וואָס איז דאָס אַזוינס אַ מאַנספערזאָן, דאָס ער זאָל נישט קאָנען לויפען צוזאַמען מיט זיינע ברידער?— האָט מאוגלי געזאָגט.— איך בין געבוירען געוואָרען אין דער וויסטע, איך האָב ערפילט די געזעצען פון דער וויסטע, און עס איז נישטאָ קיין איין וואָלף, וואָס איך האָב פון זיינע לאַפּעס נישט אַרויסגעצויגען קיין

נאָרלען. זיי זענען דאָך אַלע מיינע ברידער!...

באַגהירא האָט זיך אויסגעצויגען ווי גרויס זי איז און האָט צוגעמאַכט די אויגען.

— ברודערל — האָט זי געזאָגט— ריהר נאָר אָן מיט דיין האַנד אונטער מיין קינבאַק.

מאוגלי האָט אויסגעצויגען אַ שטאַרקע ברוינליכע האַנד און אונטער דאָס סאַמע דעליקאַטסטע בערדעל פון באַגהירא, דאָרט וואו עס האָבען זיך געצויגען מעכטיגע מוסקעלן בעדעקט מיט דעם וואָליגען פוטער, האָט ער אָנגעטאַפּט אַ נישט גרויסען גאָלען פלאַץ.

— קיינער אין דער וויסטע ווייס נישט, דאָס איך, באַגהירא, טראָג דעם דאָזיגען צייכען... אַ צייכען פון אַ קייט... און דאָך, ברודערל, בין איך געבוירען געוואָרען צווישען מענשען; צווישען מענשען איז געשטאָרבען מיין מוטער, אין דעם טירגאָרטען פון דעם קעניגליכען פּאַלאַץ אין אודייפור. און דאָס איז די סבה, פאַרוואָס איך האָב פאַר דיר געגעבען אויסלעז־פּרייז דעמאָלט, אויף דער בעראַטונג, ווען דו ביזט געווען אַ אָרעמע קליינע נאַקעטע בעשעפעניש. יאָ, איך בין אויך געבוירען געוואָרען צווישען מענשען. איך האָב קיינמאָל נישט געזעהן, די וויסטע. מען האָט מיך ערצויגען הינטער קראַטעס, אין אַ אייזערנע קלאַטקע — נאָר אין אַ געוויסער נאַכט האָב איך דערפיהלט, דאָס איך בין באַגהירא, אַ פּאַנטערין, און נישט קיין שפּיעלצייג פאַר מענשען: מיט איין זעץ מיט דער לאַפּע האָב איך צעטרימערט די עלענדע שלעסער און בין אַוועקגעגאַנגען. און אַזוי ווי איך האָב דערקענט די מענשליכע זיטען, בין איך אין דער וויסטע געוואָרען נאָך שרעקליכער ווי שער־האַן. נישט אמת?

— וויקליך,— האָט מאוגלי געענטפערט,— די גאַנצע וויסטע האָט מורא פאַר באַגהירא'ן... אויסער מאוגלי'ן.

— אָ, דו, דו ביזט אַ קליינער מענש!— האָט די פּאַנטערין געזאָגט מיט ריהרונג— און פונקט אַזוי ווי איך האָב צוריקגעקעהרט אין דער וויסטע, אַזוי מוזטו אויך סוף כל סוף צוריקקעהרען צו די מענשען, דיינע ברידער... אויב נאָר מען וועט דיך פריהער נישט טוידטען אויף דער בעראַטונג.

— נאָר פאַרוואָס, פאַרוואָס וואָלט מען וועלען מיך הרגענען?

— האָט מאוגלי געפרעגט.

— טהו אַ קוק אויף מיר — האָט באַגהירא געזאָגט.

מאוגלי האָט איהר אויפמערקזאַם אַ קוק געטהון גלייך אין די אויגען. אין אַ פערלויף פון אַ האַלבע מינוט אַרום האָט די גרויסע פאַנטערין אָבגעדרעהט דעם קאָפּ.

— אַט זעהסטו שוין פאַרוואָס— האָט זי געזאָגט, פערלעגענדיג די לאַפּעס איינע אויף דער אַנדערער. — אפילו איך קאָן דיר נישט קוקען אין די אויגען, האָטש איך בין געבוירען געוואָרען צווישען מענשען און האָטש איך ליעב דיך, ברודערל. די אַלע ווידער האָבען דיך פיינד דערפאַר, וואָס זיי קאָנען נישט אויסהאַלטען דיין בליק, וואָס דו האָסט פערשטאַנד, וואָס דו האָסט אַרויסגעצויגען די שטעכעדיגע נאָדלען פון זייערע לאַפּעס, און וואָס דו ביזט אַ מענש.

— איך האָב דאָס נישט געוואוסט,— האָט מאוגלי געזאָגט אומעטיג, פערציהענדיג די דיקע, שוואַרצע ברעהמען.

— און וואָס בעשטעהט דאָס געזעץ פון דער וויסטע? קודם כל טהו אַ קלאַפּ, ערשט דערנאָך לאָז הערען דיין שטימע. שוין דיין אונפאָרזיכטיגקייט אַליין בעווייזט, דאָס דו ביזט אַ מענש. זיי זשע אויסגערעכענט. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז ביי דער ערשטער מפּלה פון אַקעלאַ,— און דעם אונגליקליכען ווערט פון טאָג צו טאָג שווערער זיך אַנ׳עצה צו געבען אויף דער יאַגד,— וועט זיך די גאַנצע מהנה אַ לאָז טהון אויף איהם און אויף דיר. זיי וועלען צונויפרופען אַ פערזאַמלונג אויפ׳ן פעלזען, און דאַן... דאַן... איך וויים שוין!— האָט באַגהירא אויסגעשריען, אויפשפּרינגענדיג אויף די פיס.— לויף דאָס שנעלער אין טהאָל צו די מענשליכע הייזלעך, און נעהם דאָרט אַביסעל פון דער רויטער בלום, וואָס זיי אַרבייטען אויס. ווען עס וועט אָנקומען די מינוט, וועסטו דערין געפינען אַ מעכטיגערען שוץ ווי אין מיר, אין באַלאָו און אין די מיטגלידער פון דער מהנה, וואָס שטעהען אויף דיין זייט. לויף שנעל נאָך דער רויטער בלום!

רויטע בלום האָט באַגהירא אָנגערופען דאָס פייער. דען קיין איין בעשעפעניש אין דער וויסטע רופט נישט אָן דאָס פייער מיט זיין ריכטיגען נאָמען. אַלע פיהלען זייער גאַנץ לעבען פאַר׳ן פייער אַ טוידט-שרעק, און זיי פערדרעהען מיט אַלערליי אויסדריקען, אַבי נאָר עס נישט אָנצורופען ביי׳ם ריכטיגען נאָמען.

— די רויטע בלום!— האָט מאוגלי געזאָגט.— איך קען זי.

זי בליהט אויף פאַרנאַכט־צייט הינטער זייערע הייזער. איך וועל געהן נאָך איהר.

— אָט דאָס הייסט ביי מיר אַ קליינער מענש! — האָט באַגהירא אויסגערופען מיט שטאָלץ. — פערגעס נאָר נישט, אַז די דאָזיגע בלום וואַקסט אין קליינע טעפּלעך. האַפּ צו איינס פון זיי פלוצלונג און בעהאַלט ביז דער מינוט, ווען דו וועסט דאָס בעדאַרפען.

— גוט — האָט מאוגלי געזאָגט. — איך געה. נאָר ציי ביזטו זיכער, באַגהירא — און רעדענדיג דאָס האָט ער אַרומגענומען מיט'ן אָרעם איהר פּראַכטפולע האַלז און האָט איינגעזונקען זיין בליק אין איהרע גרויסע אויגען — ציי ביזטו זיכער, דאָס אין דעם אַלעם איז שולדיג שער־האַן?

— אין נאָמען פון די צעטרימערטע ריגלען, וואָס האָבען מיר די פרייהייט געגעבען, שווער איך, דאָס איך בין דערין זיכער, ברודערל.

— אויב אַזוי — אין נאָמען פונ'ם אָקס, וועלכער האָט מיך אויסגעלעזט, שווער איך, דאָס איך וועל שער־האַנ'ען ערליך אויס־צאָהלען, וואָס עס קומט איהם פון מיר, און אפשר וועט ער נאָך בעקומען עפּעס מעהר.

און ער האָט זיך ערווייטערט אונטערשפּרינגענדיג.

— אָט דאָס איז מיר אַ מענש, אַן אמת'ער מענש! — האָט די פּאַנטערין געזאָגט צו זיך, זיך ווידער בעלעגענדיג, — אָ, שער־האַן, קיינס פון דיינע געיעגען קאָן נישט צוגעגלייכט ווערען בנוגע צו די רעזולטאַטען, צו יענעם געיעג אויף דאָס פרעשעלע מיט צעהן יאָהר צוריק!

מאוגלי איז שוין געווען ווייט אין וואַלד. ער איז געגאַנגען מיט אַ זיכערן שריט, פיהלענדיג, ווי גוואַלדיג דאָס האַרץ קלאַפּט איהם. שוין האָט זיך אויפגעהויבען דער אָבענד־נעבעל, ווען ער איז דערגאַנגען ביז צו'ם גרוב. ער האָט אָבגעטעמעט, קוקענדיג אַראָב־צו אין טהאָל. די יונגע וועלף זענען נישט געווען, נאָר די מוטער האָט טיעף אין גרוב דערקענט פון דעם אונרוהיגען אָטעמען, אַז עפּעס אַהרט איהר פרעשעלע.

— וואָס איז דיר, זיהנעלע? — האָט זי געפרעגט.

— אָ, גאָרנישט, דאָס זענען נאָר די פּלוידערייען פון די פלע־דערמייז בנוגע צו שער־האַנ'ען, — האָט ער געענטפערט. — איך געה פאַנגען אויף די בעאַרבייטע פעלדער.

ער האָט זיך פערטיעפט צווישען די געדיכטע קוסטעס, אַיילענדיג צום טהאָל, צו די ברעגען פון טייכעל. דאָרט האָט ער זיך אָבגעשטעלט, דען זיינע אויערן האָבען דערגרייכט די געשרייען פון דער מחנה אויף דער יאַגד. ער האָט געהערט דאָס בלעקען פון אַנ׳אַרומגערינגעלטען סאַמבהור (הירש) און זיין העכסט אונרוהיגעס שנאָרכען, און דערנאָך דאָס רייצען זיך פון די יונגע וועלף:

— אַקעלאַ! אַקעלאַ! זאָל נאָר דער איינזאַמער ווייזען זיין קראַפט. לאָזט נאָר דעם אָנפיהרער פון דער מחנה! וואַרף זיך אַרויף, אַקעלאַ!

ווי עס ווייזט אויס האָט זיך דער איינזאַמער אַרויפגעוואָרפען און עס האָט זיך איהם נישט איינגעגעבען, דען מאוגלי האָט דערהערט, ווי ער האָט אַ קריצע געטהון מיט די ציינער און אָנגעהויבען בילען, ווען דער הירש האָט איהם מיט די פאָדערשטע פיס אַנידערגעוואָרפען אויף דער ערד. נישט הערענדיג מעהר האָט מאוגלי געאיילט ווייטער, און וואָס נעהנטער ער איז געקומען צו די פעלדער, וואָס ווערען בעאַרבייט דורך די דאָרפסלייט, זענען די געשרייען הינטער איהם אַלץ שוואַכער און פערשטומט געוואָרען.

— באַגהירא זאָגט דעם אמת! — האָט ער אָבגעסאָפעט, זיך פערגראָבענדיג אין אַ באַרג היי, וואָס איז געווען אויסגעשאָטען פאַר׳ן פענסטער פון איין הייזעל. — מאָרגען איז דער טאָג פון אָברעכענען זיך מיט אַקעלאַ׳ן און מיט מיר.

ער האָט צוגעדריקט דאָס געזיכט צו דער שויב און האָט געקוקט אויפ׳ן פייער, וואָס האָט געגליהט אויפ׳ן קוימען. ער האָט געזעהן, ווי דעם דאָרפסמאַנס ווייב איז אויפגעשטאַנען ביינאַכט און האָט פערשטאַרקט דאָס פייער, צוואַרפענדיג שוואַרצע צווייגלעך; און אין דער פריה, ווען אין דער קאַלטער פינסטערניש האָט נאָר וואָס אָנגעהויבען גרויען אויף טאָג, האָט ער דערזעהן אַ יונגעל, וואָס האָט גענומען אין די הענד אַ קאָשעק, וואָס איז פון אינווייניג געווען אויסגעבעט מיט ערד, איהם אָנגעפיהלט מיט רויטע קויהלען, און פערדעקענדיג איהם מיט אַ פלאַכטע, איז ער אַרויסגעגאַנגען פאַשען די קיה.

— אָט דאָס איז עס אינגאַנצען! — האָט מאָוגלי אַ קלער געטהון. — ווילבאַלד אַ קינד קאָן זיך דערמיט אַנ׳עצה געבען, האָב איך אויך נישט פאַר וואָס מורא צו האָבען.

און אַרויסרוקענדיג זיך פון הינטער'ן ווינקעל, איז ער פערלאָזען דעם יונגעל דעם וועג, איהם אַרויסגעריסען פון די הענד די קויהלען און איז פערשוואונדען געוואָרען אין נעבעל, וועהרענד דער בעראַבעוועטער האָט געמאַכט אַ אונגעהויערן געוואַלד פאַר גרויס שרעק.

— זיי זענען איינגאַנצען עהנליך צו מיר, — האָט מאָוגלי געקלערט, בלאָזענדיג אויף די קויהלען, ווי די פרוי האָט געטהון ביינאַכט. — נאָר דאָס וועט מיר שטאַרבען, אויב איך וועל דאָס נישט געבען צו עסען.

און ער האָט אַרויסגעוואָרפען אויף די קויהלען עטליכע צווייגעלעך און עטליכע שטיקלעך טרוקענע קאָרע. אויפ'ן מיטען פון דער הויכקייט אַרויפגעהענדיג אויפ'ן באַרג, האָט ער בעגעגענט באַגהיראַן, וואָס אויף איהר פוטער האָבען טראָפּענס פון פריהמאָרגען־טוי געגלאַנצט ווי דימאַנטען.

— אַקעלאַ האָט פערשפּיעלט, — האָט די פּאַנטעריין געזאָגט. — זיי וואָלטען איהם נאָך ביינאַכט דערהרג'עט, נאָר זיי ווילען זיך שוין מיט אַמאָל אָבּרעכענען מיט דיר אויך. זיי האָבען דיך געזוכט אויפ'ן באַרג.

— איך בין געווען אויף די בעאַרבייטע פעלדער. איך בין שוין צוגעגרייט — זעה!

מאָוגלי האָט איהר געוויזען דאָס טעפּעל פול מיט קויהלען.

— אויסגעצייכענט. איך האָב געזעהן, אַז די מענשען לעגען אַריין דערין טרוקענע צווייגלעך, און באַלד בליהט־אויף אויף זייער עק די רויטע בלום. דו האָסט גאָר קיין מורא נישט?

— ניין. וואָס האָב איך זיך מורא צו האָבען? איך דערמאָהן מיך איצט... ווי אין חלום.... דאָס איין מאָל, נאָך איידער איך בין געוואָרען אַ וואָלף, בין איך געשלאָפען פאַר אַ רויטער בלום, און עס איז מיר געווען אַנגענעהם און וואַרעם.

אַ גאַנצען טאָג איז מאָוגלי געזעסען אין גרוב, היטענדיג דאָס טעפּעל און צולעגענדיג אין איהם טרוקענע שטיקלעך האָלץ. ענדליך האָט ער זיך אויפגעזוכט אַ צווייג פון פּאַסיגער גרויס, און אין אָבענד, ווען טאַבאַקי איז געקומען צום גרוב, איינלאַדענדיג איהם מיט אַ גאַנץ שאַרפען טאָן אויף דעם בעראַטונגס־פעלזען, האָט ער איהם אויפגענומען מיט אַזאַ שפּאָטישען געלעכטער, אַז טאַבאַקי איז אַנט־

לאָפּען געוואָרען צעמישטערהייד און מאָאוגלי איז געגאַנגען אויף די פערזאַמלונג, נישט אויפהערענדיג צו לאַכען.

אַקעלאַ דער איינזאַמער איז געלעגען נעבען זיין פעלזען אַלס צייכען, אַז די שטעלע נאָך איהם איז פריי, און שער־האַן מיט זיין סוויטע וועלף, וועלכע ער האָט בעשענקט מיט דיינע רעשטלעך, איז זיך אַרומגעגאַנגען אין דער לענג און אין דער ברייט, אָבנעהמענדיג, חי עם וויזט אויס, צייכענס פון פערעהרונג. באַגהיראַ איז געלעגען נעבען מאָוגלי'ן, וועלכער האָט געהאַלטען זיין טעפּעל צווישען די קניה. ווען אַלע האָבען זיך שוין פערזאַמעלט, האָט שער־האַן גענומען דאָס וואָרט — אַ אונערהערטע זאַך אין דער צייט פון אַקעלאַ'ס רעגירונג.

— ער האָט קיין רעכט נישט צו רעדען — האָט באַגהיראַ אַ מורמעל געטהון. — זאָג דאָס איהם. ער איז אַ הונד'ס־זוהן — ער וועט זיך דערשרעקען.

מאָוגלי איז אויפגעשפרונגען אויף די פיס.

— פריי פאָלק, — האָט ער אויסגערופען, — צי איז שער־האַן אונזער אָנפיהרער? ווי קומט אַ טיגער זיך אַריינצומישען אין דער פערוואַלטונג פון דער מחנה?

— נעהמענדיג אין אַכט, דאָס די שטעלע פון הויפּט איז פריי, און אַזוי ווי מען האָט מיך געבעטען, דאָס איך זאָל נעהמען דאָס וואָרט... — האָט שער־האַן אָנגעהויבען.

— ווער האָט דיך געבעטען? — האָט מאָוגלי געענטפערט. — צי דען זענען מיר דאָ אַלע אַ באַנדע שאַקאַלען, דאָס מען זאָל זיך ערניע־דעריגען פאַר דעם דאָזיגען שוחט? די לייטונג פון דער מחנה געהער נאָר דער מחנה!

דאַן האָבען זיך דערהערט וואָענדע שטימען:

— שווייג, קליינער מענש!

— לאָזט איהם רעדען! ער האָט ערפילט אונזערע געזעצען!

ביז עס האָבען ענדליך אַ ברום געטהון די אַלטע וועלף:

— לאָז רעדען דער געשטאָרבענער וואָלף!

דער הויפּט, פון וועלכען עס האָט זיך אַרויסגעדרעהט די חיה אויפ'ן געיעג, האָט בעקומען דעם טיטעל: דער געשטאָרבענער וואָלף און האָט איהם געטראָגען ביז'ן טויט, אויף וועלכען עס קומט איהם נישט אויס לאַנג צו וואַרטען.

אַקעלאַ האָט אויפגעהויבען דעם אַלטען קאָפּ און האָט גערעדט ניִשט גערן:

— פריי פאָלק, און אויך איהר, שער־האַנס שאַקאַלען! צוועלף יאָהר האָב איך אייך געפיהרט צום געיעג און אייך צוריק פון איהם בעגלייט, און די דאָזיגע גאַנצע צייט איז קיין איינער פון אייך נשט אַריינגעפאַלען אין קיין נעץ און איז ניִשט פערוואונדעט געוואָרען. איצט האָט זיך דאָס רויב פון מיר אַרויסגעדרעהט. איהר ווייסט, ווי מען האָט מיר אָבגעטהון דאָס דאָזיגע שטיקעל. איהר ווייסט, אַז מען האָט מיך אַרויסגעבראַכט אויף אַ היִרש, וועלכען מען האָט נאָך ניִשט געהאַט גענוג אָנגעיאָגט, כדי אַרויסצוווייזען מיין שוואַכקייט. דאָס איז געווען קונציג אָבגעמאַכט. איצט ערלויבט אייך דאָס געזעץ מיך צו טויטען אויף דעם בעראַטונגס־פעלזען. און דעריבער פרעג איך אייך: ווער וויל פערניכטען דעם איינזאַמען? איך האָב דאָס רעכט צו פאָדערן, לויט די געזעצען פון דער וויסטע, דאָס איהר זאָלט קעגען מיר אַרויסגעהן איינציגווייז.

עס האָט געהערשט אַ לאַנגעס שווייגען. קיינער האָט ניִשט געהאַט קיין חשק צו קעמפפען אויף טויט און אויף לעבען מיט'ן איינזאַמען. נאָר שער־האַן האָט אַ ריטש געטהון:

— עט! לאָמיר זיך ניִשט אָבגעבען מיט דער דאָזיגער ציינלאָזער, צום טויט פעראורטיילטער אַלטער שמאַטע. דאָ איז נאָך דאָ אַ קליינער מענש, וועלכער לעבט אַביסעל צו לאַנג. פריי פאָלק, דאָס איז מיין רויב, לויט רעכט און געזעץ. גיעט מיר איהם אָב! זאָל זיך שוין אַמאָל ענדיגען דער דאָזיגער נאַרישער שפּאַס מיט אַ וואָלף־מענשען. שוין צעהן יאָהר, ווי צוליעב איהם איז קיין מניחה ניִשטאָ אין דער וויסטע. גיעט מיר אָב דעם קליינעם מענשען, אויב ניִשט, וועל איך שטענדיג פיהרען די יאַגד אין די דאָזיגע קאַנטען און איך וועל פאַר אייך ניִשט איבערלאָזען דאָס מינדעסטע ביינדעלע. דאָס איז אַ מענש, אַ מענשען־קינד! איך האָב איהם פיינד ביז'ן מאַרך פון די ביינער!

דערויף האָט דער גרעסטער טייל פון דער מחנה אָנגעהויבען צו הוילען:

— אַ מענש! אַ מענש! וואָס קאָן אַ מענש האָבען צו טהון מיט אונז? זאָל ער זיך אָבטראָגען צו זיינעם גלייכען!

— וואָס הייסט, איהר ווילט, דאָס ער זאָל אויפרודערען קעגען

אונז די דאָרפס־איינוואָהנער? — האָט שער־האַן אויסגעשריען. — קיינמאָל! גיעט מיר איהם אָב. דאָס איז אַ מענש, וועלכען קיינער פון אייך קאָן אין די אויגען נישט קוקען.

אַקעלאַ האָט ווידער אויפגעהויבען דעם קאָפּ, זאָגענדיג:

— ער האָט מיט אונז געטיילט די נאַהרונג. ער איז געשלאָפען מיט אונז. ער האָט געטוידט חיות צוזאַמען מיט אונז. ער האָט אויף קיין האָר נישט אָבגעטרעטען פון די געזעצען פון דער וויסטע!

— און איך האָב פאַר איהם געצאָפּערט אַ אָקס אויף אויסצולעזען איהם. אמת, דער ווערט פון אַ אָקס איז נישט זעהר גרויס, נאָר באַגהיראַ'ס עהרע איז נאָך אַזוי פיעל ווערט, דאָס זי זאָל עס שיצען — האָט באַגהיראַ צוגעגעבען מיט אַ זיסענקער שטימע.

— אַ אָקס, וואָס מען האָט בעצאָהלט פאַר צעהן יאָהרען! — האָט זיך דערהערט אַ מורמלען אין דער פערזאַמלונג. — אַ סך קאָגען אונז אָנגעהן די ביינער פון פאַר צעהן יאָהרען!

— און די שבועה? — האָט באַגהיראַ געזאָגט, אויסשטשירענדיג די ווייסע צייהן. — מיט רעכט רופט מען אייך אָן אַ פריי פאָלק!

— קיין מענש טאָר זיך נישט פעראייניגען מיט'ן פאָלק פון דער וויסטע! — האָט שער־האַן געגוואַלדעוועט. — גיעט מיר איהם אָב!

— ער איז אונזער ברודער אין אַלע הינזיכטען, אויסער דעם בלוט, — האָט אַקעלאַ ווייטער גערעדט, — און איהר ווילט איהם טוידטען! ווירקליך, איך האָב שוין צו לאַנג געלעבט! עס זענען שוין פערהאַן צווישען אייך אַזעלכע, וואָס פרעסען בהמות, און ווי איך האָב געהערט, האָבען זיך שוין איינ־יגע אָבגעלערנט פון שער־האַנ'ען אַוועקצורויבען ביינאַכט קינדער פון פאַר די דאָרפישע היַיזלעך. איהר זענט נידערטרעכטיגע, און ווי צו נידערטרעכטיגע וועל איך אייך זאָגען, וואָס עס וועט זיין. איך מוז שטאַרבען, דאָס איז שוין בע־שלאָסען; מיין לעבען האָט שוין דעריבער נישט קיין גרויסען ווערט, ווען נישט דאָס וואָלט איך דאָס געצאָפּערט פאַר דאָס לעבען פון דעם קליינעם מענשען. נאָר כדי צו רעטען די עהרע פון דער מהנה... אָט יענע קליינינקייט, וועלכע איהר פערגעסט, ווי עס ווייזט אויס, לעבענדיג אָהן אַ הויפּט.. זאָג איך אייך צו, דאָס אויב איהר וועט ער־לויבען דעם קליינעם מענשען צוריקצוקעהרען צו די זייניגע, וועל איך אפילו מיט קיין צאָהן נישט ריהרען, ווען עס וועט קומען מיין צייט צו שטאַרבען. איך וועל מיך כלל נישט פערטיידיגען. די מהנה וועט דאַדורך געווינען אַמווענינסטענס דריי לעבענס. מעהר קאָן איך

נישט טהון, נאר אויב איהר וועט דערויף בעשטעהן, קאן איך אייך פערשפארען די שאנדע צו ערמארדען א ברודער, וועלכען איהר קאנט גארנישט פארווארפען... א ברודער, וועלכען איהר האט אליין אויפגענומען אין דער מחנה אויפ'ן גרונד פון די געזעצען פון דער וויסטע.

— דאס איז א מענש! א מענש! א מענש! — האט די פערזאמלונג גערוישט.

און דאס רוב פון די וועלף האבען אנגעהויבען ארומרינגלען שער־האנ'ען, וועלכער האט זיך געקלאפט מיט'ן וועדעל איבער די זייטען.

— איצט איז געקומען דיין צייט! — האט באגהירא שטילערהייד געזאגט צו מאוגלי'ן. — אונז בלייבט שוין איצט קיין זאך אויסער קאמפף.

מאוגלי איז אויפגעשטאנען, האלטענדיג דעם טעפעל מיט די קויהלען, זיך אויסגעצויגען און א געגעץ געטהון דער פערזאמלונג אונטער דער נאז. נאר אין אמת'ן האט איהם אנגעהאפט א שטארקער צארן און א וועהטאג, דען ביז איצט האבען די וועלף איהם נאך קיינמאל נישט געגעבען צו פיהלען, ווי שרעקליך זיי האבען איהם פיינד.

— הערט! — האט ער אויסגערופען. — הערט אויף צו בילען ווי די הינד. צו אפט שוין האט איהר מיר די נאכט אויסגערעדט, דאס איך בין א מענש, האטש איך האב געוואלט בלייבען א וואלף צווישען אייך דאס גאנצע לעבען מיינס. איצט אנערקען איך די ריכטינקייט פון אייערע ווערטער. איך וועל אייך שוין דעריבער מעהר נישט אנרופען ברידער, נאר סאג (הינד), אזוי ווי א מענש וואלט אייך אנגערופען. וואס איהר האט צו טהון, דאס וועט נישט איהר בעשליסען. דאס איז מיין זאך, און כדי איהר זאלט דאס קלאר פערשטעהן, האב איך אייך געבראכט א ביסעל פון דער רויטער בלום, פאר וועלכער איהר, הינד, ציטערט!

דאס רעדענדיג האט ער א ווארף געטהון דאס טעפעל אויף דער ערד, און פון די פאנאנדערגעגליהטע קויהלען האבען זיך די בערגלעך פון טרוקענעם מעך אין איין אויגענבליק אנגעהאפט אין א פלאם. די גאנצע בעראטונג האט אין טוידט־שרעק אנגעהויבען אנטלויפען פאר דאס שפרינגען פון פייער.

מאוגלי האָט צוגעשטעקט זײַן טרוקענעם צווײַג צו די קוידלען, ביז עס איז אָנגעבראַנט געוואָרען מיט אַ קנאַק, און דאַן האָט ער מיט איהם אַרומגעדרעהט איבער'ן קאָפּ צווישען די וועלף, וועלכע האָבען זיך צוזאַמענגעפּרעסט פון שרעק.

— איצט ביזטו זייער הערר — האָט באַגהירא געזאָגט שטי־לערהייד. — רעטע אַקעלאַ'ן פון טויט. ער איז דיר שטענדיג געווען א גוטער פרײַנד.

אַקעלאַ, דער אַלטער שטאָלצער וואָלף, וועלכער האָט נאָך קיינמאָל אין לעבען נישט געבעטען אום רחמנות, האָט אויפגע־הויבען אַ בעטענדען בליק צו מאוגלי'ן, און דער איז געשטאַנען פאַר איהם אַ נאַקיטער, מיט צעלאָזטע קודלעס האָהר, וואָס זענען איהם אַראָבגעהאַנגען איבער די אָרעמס, אין דעם שיין פון דעם פלאַמענדיגען צווײַג, וועלכער האָט פערשפּרייט אַרום און וואַ־קעלענדע און ציטערענדע שאָטענס.

— גוט, — האָט מאוגלי געענטפערט, קוקענדיג אַרום זיך.— איצט זעה איך, דאָס איהר זענט הינד. איך געה אַוועק פון אייך צו די בעשעפעניש פון מײַנעם גלײַכען. די ווימטע איז פאַר מיר פערשלאָסען, איך מוז פערגעסען אייער שפּראַך און אייער געזעל־שאַפט, נאָר איך וועל זײַן באַרמהערציגער פון אייך, און צום אָנ־דענקען פון דער ברידערשאַפט, וועל איך, ווען איך וועל ווערען אַ מענש צווישען מענשען, אייך נישט פערראַטען פאַר זיי אַזוי ווי איהר האָט מיך פערראַטען.

ער האָט אַ שטופּ געטהון מיט דער פוס דאָס פייער, פון וועלכען עס האָבען זיך אַרויסגעשיט פונקען.

— עס וועט נישט זײַן קיין קאַמפּף צווישען מיר און צווי־שען עמיצען פון דער מתנה. נאָר איידער איך געה אַוועק, מוז איך נאָך בעצאָהלען איין חוב.

ער איז צוגעגאַנגען מיט ברייטע טריט צו שער־האַנ'ען, וועל־כער האָט אידיאָטיש געבלינצעלט מיט די אויגען פאַר'ן פייער, און האָט איהם אָנגעהאַפּט פאַר די קודלעס אונטער דער באָרד. באַג־הירא איז אויף יעדען פאַל געגאַנגען גלײַך נאָך איהם.

— אויף די פיס, הונד! — האָט מאוגלי אַ געשריי געטהון.— שטעל זיך, ווען אַ מענש רעדט צו דיר, אַז נישט, צינד איך דיר אונטער דײַנע קודלעס!

שער-האן האט פאנאנדערגעצויגען די אויערן און פערמאכט די אויגען, דען דער פלאמענדיגער צווייג האט שוין געשימערט אט נעבען איהם.

— דער דאזיגער קעלבער-דערשטיקער האט אמאל געזאגט, דאס ער וועט מיך ערמארדען אין דער אנוועזענהייט פון דער בעראטונג דערפאר, וואס ס'איז איהם נישט געלונגען מיך צו ערמארדען, ווען איך בין געווען א קינד. זעהט זשע, ווי מיר, מענשען, בעשטראפען הינד. אט אזוי, און אזוי, און נאך אמאל. זאלסט זיך מיר נישט דערוועגען צו ריהרען מיט די וואנסעס, לאהמער! אויב דו ווילסט נישט, איך זאל דיר אריינפאקען די רויטע בלום אין האלז אריין.

אזוי רעדענדיג האט ער געקלאפט מיט'ן צווייג איבער שער-האנ'ס קאפ, און דער טיגער האט געציטערט און געהוילט, אויסגעהענדיג פון שרעק.

— גענוג אויף איצט. אנטלויף, דו אבגעברענטע קאץ פון דער וויסטע, נאר געדענק מיינע ווערטער: קוים וועל איך צוריקקעהרען צו'ם ערשטען מאל אויף דער פעלזען-פערזאמלונג, ווי עס פאסט פאר א מענשען, וועל איך אויפ'ן קאפ טראגען שער-האנ'ס פעל. וואס אנבעלאנגט צו אקעלא'ן, זאל ער זיך לעבען, ווי איהם געפעלט. איך פערבאט אייך איהם צו טויטען. אם ענדע מיין איך, אז איהר וועט שוין דא נישט בלייבען אזוי לענגער, מיט ארויסגעשטעקטע צינגער, פונקט ווי איהר וואלט געווען עפעס מעהר ווי הינד, וועלכע איך מוז ארויסטרייבען אט אזוי. אוועק פון דאנען.

דאס פייער האט געוואלדיג א פלאם געטהון אויפ'ן עק פון דעם צווייג, און מאוגלי האט איהם ארומגעדרעהט ארום דער פערזאמלונג. די וועלף זענען הוילענדיג זיך צעלאפען פאר די פונקען, וועלכע האבען אנגעצונדען די וואל אויף זיי. ענדליך זענען געבליבען נאר אקעלא, באגהירא און א צעהן וועלף, וועלכע זענען פון אנהויב אן געשטאנען אויף מאוגלי'ס זייט. און מיט אמאל האט מאוגלי דערפיהלט עפעס א אינערליכען וועהטאג, עפעס אזוינס, וואס ער האט נאך קיינמאל נישט געפיהלט. עפעס האט איהם צוגעדריקט דאס הארץ, ער האט א שלוכץ געטהון, און איבערן געזיכט זענען איהם אראבגערונען טרעהרען.

— וואס איז דאס? וואס איז דאס? — האט ער אויסגערופען.—

איך וויל נישט פערלאָזען די וויסטע. איך ווייס נישט, וואָס עס טהוט זיך מיט מיר. צי דען האלט איך ביים שטארבען, באגהירא?

— ניין, ברודערל, דאָס זענען טרעהרען. דאָס טרעפט זיך מיט א מענשען, — האָט באגהירא געענטפערט. — דו האָסט שוין אויסגעהערט צו זיין א מענשעלע, ביזט א גאנצער מענש. פון איצט אָן איז די וויסטע ווירקליך פאר דיר פערשלאָסען.... לאָז זיי רינען, מאוגלי, — דאָס זענען נאר טרעהרען.

און מאוגלי האָט זיך געזעצט און האָט ביטער געוויינט, אזוי ווי דאָס הארץ וואָלט איהם געדארפט צעפּלאצט ווערען. דאָס איז געוועזען זיין ערשטער געוויין אין לעבען.

— איצט וועל איך אוועקגעהן צו די מענשען. נאר צום ערשטען מוז איך מיך געזעגענען מיט דער מוטער.

ער איז אוועקגעגאנגען צום גרוב, אין וועלכען די וועלפין האָט געוואָהנט מיט איהר מאן, און איז אנידערגעפאלען אַ פערוויינטער אויף איהר ברוסט, און די פיער וועלפעלעך האָבען מורא'דיג געהוילט.

— איהר וועט מיך נישט פערגעסען? — האָט מאוגלי געפרעגט.

— קיינמאָל, כל זמן מיר וועלען זיין אימשטאנד דיר נאָכצושפּירען, — האָבען זיי געענטפערט. — קום צו געהן צו די פיס פון בארג, ווען דו וועסט זיין א מענש, וועלען מיר זיך דורכרעדען; און מיר וועלען אָבטרעטען אין די בעארבייטע פעלדער, וועלען מיר זיך שפּיעלען צוזאמען ביינאכט.

— קום אין גיכען צוריק! — האָט דער וואָלף דער פאטער געזאָגט. — קעהר צוריק, קליין פערשטענדיג פרעשעלע, דען דיין מוטער און איך זענען מיר שוין אלט.

— קום אין גיכען צוריק, מיין נאקעטער קליינינקער, — האָט די וועלפין געזאָגט, — דען זיי וויסען, מענשען־זוהן, דאָס איך האָב דיך געליעבט מעהר ווי אנדערע פון מיינע אייגענע קינדער.

— איך וועל צוריקקעהרען אויף זיכער, — האָט מאוגלי געזאָגט, — און טאקי דעריבער, כדי אויסצוציהען שער־האַנ'ס פעל אויף דעם בעראטונגס־פעליזען. פערגעסט מיך נישט. זאָגט אלעמען אין דער וויסטע, דאָס זיי זאָלען מיך קיינמאָל נישט פערגעסען.

עס האָט שוין געטאָגט, ווען מאוגלי איז אראָבגעגאנגען פון בארג איינער אליין, און זיך געלאָזט געהן צו יענע געהיימניספולע בעשעפעניש, וועלכע ווערען אנגערופען מענשען.



די יאגד אויפ'ן טיגער.

וי איז עס געגאנגען דיר היינט אויפ'ן פעלד?
— אָ, ברודער, כ'בין לויערענט שיער נישט געפרוירען פון קעלט.

און וואו איז דיין רויב און פון זיעג דיין געזאנג?
— אָ, ברודער, אין וואַלד דאָרט ביי זיך איז געבליבען דער פאַנג.

און וואו איז פערשוואונדען דיין שטאָלץ און דיין מאַכט?
— אָ, ברודער, אַ סוף האָט דאָס אונגליק צו אַלעם געמאַכט.

און איצט וואוהין לויפסטו ביי זונען-אויפגעהן?
— אָ, ברודער, אין הייל, זיך צו נעהמען דאָס לעבען אַליין.

פערלאָזענדיג דעם וואָלפען-גרוב, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָבגערעכענט מיט דער מהנה אויף דעם בעראַטונגס-פעלזען, האָט זיך מאָוגלי געלאָזט געהן צו די בעאַרבייטע פעלדער, וואָס געהערען צו די איינוואָהנער פון דערפעל, נאָר דאָ האָט ער זיך נישט אָבגעשטעלט, דען עס איז נאָך געוועזען נאָהענט צו דער וויסטע, און וועלכער ער האָט איבערגעלאָזט אַמוועניגסטענס נאָך איין געפעהר-

ליכען שונא. ער איז דעריבער געגאַנגען ווײַטער אויף דעם שטײנערדיגען וועג, זיך אַראָבלאָזענדיג אַלץ מעהר אין טהאָל אַרײַן, און דורכגעהענדיג מיט אַ מעסיגען שריט, נישט אָברוהענדיג זיך, אַ מײַל צוואַנציג, איז ער אָנגעקומען אין אַ גאַנץ אונבעקאַנטען געגענד. דאָס איז געווען אַ גלײַך ברײט פעלד, איבערגעהאַקט דאָ און דאָרט מיט קלײנע בערגלעך און גריבלעך. פון אײן זײַט האָט זיך געזעהן אַ קלײן דערפעל, פון דער אַנדערער זײַט, אויף דער משופּעקײַט פון אַ באַרג, האָט זיך געצויגען אַ געדיכטער וואַלד ביז צו די סאַמע פאַשע-פעלדער, און דאָרט האָט ער זיך פלוצלונג איבערגעריסען, אַזוי ווי אָבגעהאַקט. דאָ און דאָרטען איבער דעם גאַנצען טהאָל האָבען זיך געפאַשעט בהמות און ביפעלען. די קלײנע יונגלעך, וואָס האָבען געהיט די סטאַדעס, ווי זײ האָבען דערזעהן מאָוגלי'ן, זענען זײ זיך צולאָפען מיט אַ געשרײ, און די געלע הײמלאָזע הינד, וועלכע שלעפען זיך שטענדיג אַרום איבער די אינדישע דערפער, האָבען אָנגעהויבען אונגעהויער צו בילען. מאָוגלי, געיאָגט פון הונגער-געפיהל, איז געגאַנגען אַלץ פאָרווערטס, ביז ער איז צוגעקומען צו'ם טויער פון דאָרף, נעבען וועלכען ער האָט בעמערקט בײ אַ זײַט אַ באַרג דערנער-צווײַגען, וואָס זענען געווען צוגעגרײט אויף צו פערצוימען דעם וועג, נאָכדעם ווי עס וועט פינסטער ווערען.

— הם, הם, — האָט ער געזאָגט צו זיך, דערקענענדיג אײנע פון יענע באַריקאַדען, אויף וועלכע ער פלעגט נישט אײן מאָל אָנטרעפען בשעת די נאַכט-רײַזען, זוכענדיג נאַהרונג, — הײסט עס, אַז אפילו דאָ האָבען די מענשען מורא פאַר די אײַנוואָהנער פון דער וויסטע.

ער האָט זיך צוגעזעצט בײַם טויער און געוואַרט. ווי עס איז אָנגעקומען דער ערשטער מענש, איז ער אויפגעשטאַנען, און אַרײַנלעגענדיג אַ פינגער אין די אָפענע ליפען האָט ער געגעבען צו פערשטעהן, אַז ער גאַהרט עסען. דער מענש האָט אַ קוק געטהון, אויסגלאָצענדיג די אויגען, זיך אומגעדרעהט און זיך געלאָזט לויפען מיט'ן גאַנצען כח דורך דער אײנציגער דאָרפס-גאַס צו'ם פריסטער, אַ פעטער אינדוס אין אַ ווײַסען מאַנטעל מיט רויטע און געלע פלעקען אויפ'ן געזיכט. אין אַ ווײַלע אַרום איז דער פריסטער שוין געווען בײַ'ם טויער, און מיט איהם שטאַרקע הונדערט מאַן, וועלכע האָ-

בען אויסגעגלאָצט די אויגען, געזכוהט, געשריען און געשטעקט די פינגער אויף מאָוגלי׳ן.

— די דאָזיגע בעשעפעניששען, וואָס ווערען אָנגערופען מענשען, צייכענען זיך נישט שטאַרק אויס מיט זייער אויפפיהרונג, — האָט מאָוגלי צו זיך געזאָגט. — אפילו די גרויע מאַלפּעס וואָלטען זיך נישט אויפגעפיהרט אויף אַזאַ אופן ווי זיי.

און פערוואַרפענדיג אויף הינטען די צעלאָזטע לאַנגע האָר האָט ער געקוקט אויף דער מאַסע קרום, ווי פון אַ זייט.

— איהר האָט נישט וואָס מורא צו האָבען, — האָט דער פּריעסטער געזאָגט. — קוקט זיך צו צו די צייכענס אויף זיינע הענד און פיס. דאָס זענען צייכענס פון בייסען פון וועלף. ווי עס ווייזט אויס, איז עס אַ וואָלפענ=קינד, וואָס איז אַנטלאָפען פון דער וויסטע.

די קליינע וועלפעלעך, ווען זיי פלעגען זיך שפּיעלען מיט מאָוגלי׳ן, פלעגען איהם אַמאָל אַ ראַץ טהון מיט די צייהן פיעל שטאַרקער ווי זיי האָבען געוואָלט, און דעריבער האָט ער אויף די הענד און די פיס געהאַט פיעל ווייסליכע שראַמען. נאָר קיינמאָל אין לעבען וואָלט איהם נישט געקומען אין קאָפּ זיי אָנצורופען צייכענס פון בייסען, דען ער האָט זעהר גוט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ ביס.

— אַ ר ר ע! אַ ר ר ע! — האָבען אונטערדעסען געשריען צוויי צי דריי ווייבער. — עלענדעס קינד! צעביסען פון וועלף! און אַזאַ שען יונגעל! די אויגען ברענגען ביי איהם ווי פייער. בנאמנות, מעַ=סואַ, ער איז גאָר עהנליך צו דיין זיהנעלע, וואָס דער טיגער האָט אַוועקגערויבט.

— לאָזט מיר נאָר זיך צוקוקען, — האָט אויסגערופען אַ פרוי מיט שווערע קופּערנע רינגען אויף די פינגער פון די פיס און הענד, פערשטעלענדיג מיט דער האַנד די אויגען, כדי זי זאָל זיך בעסער קאָנען צוקוקען.

— ריכטיג. עטוואָס דאַרער, נאָר אויגען האָט ער פונקט אַזוינע ווי מיין יונגעל.

דער פּריעסטער איז געווען אַ מענש מיט פערשטאַנד און האָט געוואוסט, אַז מעסואַ איז געווען די פרוי פון דעם רייכסטען ווירט אין גאַנצען געגענד. ער האָט דעריבער אויפגעהויבען אויף אַ קורצע

צייט די אויגען צום הימעל, און דאן האט ער געזאגט פייערליך:

— דאס, וואס די וויסטע האט צוגענומען, גיעט די וויסטע צוריק. נעהם דאס דאזיגע יונגעל צו זיך, מיין שוועסטער, און פערגעס נישט צו בעדאנקען געהעריג דעם פריעסטער, וועלכער קאן אזוי טיעף דורכדרינגען די סודות פון מענשליכען לעבען.

— אין נאמען פון אקס, וועלכער האט מיך אויסגעלעזט, — האט מאוגלי געזאגט צו זיך, — הערענדיג די דאזיגע רעדערייען, וואלט איך געקאנט מיינען, אז איך בין ווידער אויף דעם בעראטונגס־פעלזען, וואו די מחנה בעקוקט מיך. נאר קוים בין איך א מענש, מוז איך זיך אויפפיהרען ווי א מענש.

אין דער מינוט, ווען די פרוי האט מאוגלי'ן געגעבען א צייכען, ער זאל געהן מיט איהר, האט זיך די מאסע גלייך צעשפרייט. די פרוי האט מאוגלי'ן גלייך אריינגעפיהרט אין שטיבעל, אין וועלכען עס איז געווען א בעט, געמאלט אויף רויט, א גרויסער קאסטען פון אויסגעבראנט ליימ אויף צו האלטען קארן, וואס איז געווען בעפוצט מיט א מאדנעם בולט־אויסגעשניצטען געמעלדע, ארום א האלב טוץ קופערנע ראנדלעס, א קליינע סטאטוע פונ'ם גאט אין א נישט גרויסער נישע אין וואנד, און אויף דער וואנד אן אמת'ער שפיעגעל, איינער פון יענע שפיעגלען, וואס ווערען פערקויפט בשעת די דארפס־ירידען.

זי האט איהם געגעבען א גרויסע גלאז מילך מיט ברויט, און ארויפלעגענדיג די האנד אויף זיין קאפ, האט זי איהם געקוקט אין די אויגען. זי האט זיך געקלערט, אז אפשר איז דאס ווירקליך איהר זוהן, וואס דער טיגער האט אוועקגערויבט און אוועקגעטראגען אין דער וויסטע, און איצט איז ער צו איהר צוריקגעקומען. און קלערענדיג אזוי האט זי איהם אנגערופען מיט'ן נאמען:

— נאדזו! נאדזו!

נאר מאוגלי האט מיט קיין צייכען נישט ארויסגעוויזען, אז ער קען דעם דאזיגען נאמען.

— צי דערמאהנסטו זיך נישט, ווי איך האב דיר געגעבען נייע שיכעלעך? — האט זי געפרעגט. נאר א קוק טהוענדיג אויף זיינע הארטע פיס ווי הארן, האט זי שמערצליך אויסגערופען:

— ניין, אויף די פיס איז קיינמאל קיין שיך נישט געווען! נאר אזוי ווי אין אלעם דערמאהנסטו מיך מיין נאדזו, וועל איך

דיך האַלטעֶן פאַר מײַן אײגעֶנעֶם זוהן.

מאָוגלי האָט זיך געֶפּיהלט זעֶהר שלעֶכט, דעֶן עֶר איז דאָס עֶרשטעֶ מאָל אין לעֶבּעֶן געֶוועֶן אונטעֶר אַ דאַך; עֶרשט ווען עֶר האָט אַ קוק געֶטהון אויף דעֶם שטרויעֶנעֶם פּולאַפּ, האָט עֶר זיך איבּעֶרצײַגט, אַז עֶר וועֶט קאָנעֶן אין איהם מאַכעֶן אַ לאָך, ווען עֶס וועֶט זיך איהם וועֶלעֶן אַרויסקריעֶגעֶן אויף דרויסעֶן, איבּריגעֶנס, דאָס פּעֶנסטעֶר איז כלל ניִשט פעֶרמאַכט געֶוואָרעֶן.

דעֶרנאָך האָט עֶר געֶזאָגט צו זיך: — וואָס קומט מיר אַרויס, וואָס איך בּין אַ מענש, וויבּאַלד איך פעֶרשטעֶה ניִשט די מעֶנשליכעֶ שפּראַך. איצט בּין איך דאָ אויך אַזוי הילפלאָז און שטום, אַזוי ווי עֶס וואָלט געֶוועֶן אַ מעֶנש בּײַ אונז אין דעֶר וויסטעֶ. איך מוז מיך אויסלעֶרנעֶן רעֶדעֶן ווי מעֶנשעֶן.

איצט איז איהם צוניץ געֶקומעֶן דאָס, וואָס בּשעת עֶר האָט געֶלעֶבּט מיט די וועֶלף, האָט עֶר זיך אויסגעֶלעֶרנט נאָכצומאַכעֶן די אויסרופונגעֶן פון די הירשעֶן אין דעֶר וויסטעֶ און דאָס גרונצעֶן פון די יונגעֶ ווילדעֶ שווײַנעֶן. און אַזוי האָט מאָוגלי יעֶדעֶן אויסדריק, וואָס מעֶסואַ האָט אַרויסגעֶרעֶדט, וויעֶדעֶרהאָלט כמעט פאָרוואורפס־לאָז, און נאָך אײדעֶר די נאַכט איז אָנגעֶקומעֶן, האָט עֶר שוין געֶקאָנט אָנרופעֶן מיט זײעֶרעֶ נעֶמעֶן אַ גרויסעֶ צאָהל זאַכעֶן אין שטיבּעֶל.

ווען עֶס איז אָנגעֶקומעֶן די מינוט זיך צו לעֶגעֶן שלאָפעֶן, האָט אויסגעֶבּראָכעֶן אַ שטיקעֶל סכסוך, דעֶן מאָוגלי האָט אין קײן פאַל ניִשט געֶוואָלט שלאָפעֶן אַנ׳אַרעֶסטירטעֶר אין שטיבּעֶל, וואָס האָט איהם אײנגאַנצעֶן דעֶרמאָהנט די נעֶץ פאַר פאַנטעֶרעֶן, און בּשעת מעֶן האָט פעֶרשלאָסעֶן די טהיר, איז עֶר אַנטלאָפעֶן דורכ׳ן פּעֶנ־סטעֶר.

נאָר מעֶסואַ׳ס מאַן האָט געֶזאָגט:

— לאָז איהם צורוה. דו מוזט געֶדעֶנקעֶן, אַז ווי עֶס ווײַזט אויס איז עֶר נאָך קײנמאָל ניִשט געֶשלאָפעֶן אין קײן בּעֶט. אויבּ עֶר איז אונז וויִרקליך צוגעֶשיקט געֶוואָרעֶן אָנשטאָט אונזעֶר זוהן, וועֶט עֶר פון אונז ניִשט אַנטלויפעֶן.

מאָוגלי האָט זיך אויסגעֶצויגעֶן אויף דעֶם פרײַעֶן רײנעֶם גראָז בּײַ׳ם בּרעֶג פון פעֶלד, נאָר עֶר האָט נאָך ניִשט בּעֶוויזעֶן צוצו־מאַכעֶן די אויגעֶן, אַלס עֶר האָט דעֶרפּיהלט, ווי עֶפּעֶס אַ גרויעֶר

ווײַכער פּרעסער האָט זיך צוגעטוליעט צו זײַן געזיכט.

— פּע! — האָט אַ מורמעל געטהון דער גרויער ברודער (דער עלטסטער פון די קינדער פון דער וועלפין דער מוטער). — עס האָט געלוינט צו לויפען נאָך דיר העכער צוואַנציג מײַל! מען פיהלט שוין פון דיר טשאַד און שטאַל-ריח פּונקט ווי פון אַ מענשען. זאָג אויף, ברודערל, איך ברענג דיר נײַעס.

— וואָס הערט זיך עפּעס גוטס אין דער וויסטע? צי זענען אַלע געזונד? — האָט מאָוגלי געפרעגט, האַלטענדיג דעם וואָלף אין זײַנע אָרעמס.

— אַלע, אויסער יענע וועלף, וועלכע האָבען זיך אָפּגע־בריהט פון דער רויטער בלום. נאָר הער אויס. שער־האַן האָט זיך געלאָזט אויפ'ן גייעג ערגעץ ווײַט, וואַרטענדיג ביז דער פוטער וועט איהם אָבוואַקסען, דען דו האָסט איהם אונגעהויער צוגעברענט; ער שווערט אָבער, אַז ווען ער וועט צוריקקומען, וועט ער דײַנע ביינער דערטרינקען אין וואַינגונגאַ.

— אונז בײדען בינדט אַ שבועה, דען איך האָב איהם אויך עפּעס צוגעזאָגט. נאָר ווי די מעשה איז, איז גוט איך זאָל וועגען אַלעם וויסען. הײַנט פיהל איך מיך זעהר אויסגעמאַטערט דורך די דאָזיגע געשעהעניש, נאָר געדענק, גרויער ברודער, מיר שטענדיג מיטצוטײַלען, ווי עס וועט נאָר געשעהן עפּעס נײַעס.

— דו וועסט נישט פערגעסען, דאָס די ביזט אַ וואָלף? דו וועסט זיך נישט לאָזען אײַנרעדען פון די מענשען אונז צו פער־געסען? — האָט דער גרויער ברודער געפרעגט מיט אַ אונרוהיגע שטימע.

— קיינמאָל. איך וועל שטענדיג געדענקען, דאָס איך מוז דיך ליעבען און אויך די איבעריגע אײַנוואָהנער פון גרוב, איך וועל אָבער אויך דאָס נישט פערגעסען, אַז איך בין אַרויסגעטריבען געוואָרען פון דער מתנה.

— ווער ווייס, צי מען וועט דיך נישט אַרויסיאָגען אויך פון דער דאָזיגער אַנדערער מתנה! די מענשען זענען מענשען, ברודערל, און זייער פּלאַפּלען האָט אַזאַ ווערט פונקט ווי דאָס קוואַקען פון די פרעש אין זומפּ. דאָס צווייטע מאָל, ווען איך וועל דיך בעזוכען, וועל איך וואַרטען אויף דיר צווישען די באַמבוסען אויפ'ן ברעג פון דעם פּאַשע־פעלד.

די גאַנצע פאָלגענדע דריי מאָנאַטען איז מאָוגלי נישט אַרויס־געגאַנגען פון טויער פון דאָרף און האָט די גאַנצע צייט געוויד־מעט אויף צו ערלערנען די מענשליכע זיטען און אויפפיהרונגען. קודם כל האָט מען איהם געהייסען טראָגען אַ גורט אויף די לענ־דען, און דאָס האָט איהם אונגעהויער געשטערט; דערנאָך האָט מען איהם געלערנט צו דערקענען דעם ווערט פון געלד, וואָס ער האָט בשום אופן נישט געקענט פערשטעהן, און באַרבייטען די ערד, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר צוועקלאָז. די קליינע דאָרפישע קינדער פלעגען איהם שטענדיג צערייצען. דאָס גאַנצע גליק, וואָס די געזעצען פון דער ווילדטע האָבען איהם אויסגעלערנט איינצו־האַלטען דעם כעס, דען אין דער ווילדטע איז דאָס לעבען און די נאַהרונג אָנבעלאַנגט נאָר פון קאַלטבלוטיגקייט; און דאָך, ווען די קינדער פלעגען לאַכען איבער איהם, וואָס ער פערדרעהט די ווער־טער, אָדער ווי האָבען געשפעט אויס איהם דערפאַר, וואָס ער האָט נישט ליעב זיך אָבצוגעבען מיט אַזוינע שפּיעלערייען, ווי צום ביי־שפּיעל לאָזען אַ פאַפּיערענע שלאַנג אין דער לופט, — דאַן פלעגט איהם אָנהאַפּען אַ שטאַרקער חשק זיך אַרויסצוואַרפען אויף די קינ־דער און זיי צעהאַקען די קעפּ — און כדי דעם דאָזיגען חשק צו פערשטיקען, האָט ער זיך געמוזט ווידערהאַלטען, אַז פאַר אַ יעגער פאַסט נישט צו טויטען קליינע נאַקעטע בעשעפענישען. וועגען זיין קראַפט האָט ער נישט געהאַט דעם מינדעסטען בעגריף. אין דער ווילדטע, אין פערגלייך מיט די חיות, האָט ער זיך געפיהלט פאַר אַ שוואַכען, נאָר אין דאָרף האָבען די מענשען גערעדט, אַז ער איז שטאַרק ווי אַן׳אָקס.

וועגען דעם אונטערשייד, וואָס עס בילדען די קלאַסען צווישען מענשען, האָט ער אויך נישט געהאַט די מינדעסטע פאַרשטעלונג. ער פלעגט טיילמאָל העלפען די טעפּער אַרויסציהען פאַר׳ן ווערעל אַ עזעל, וועלכער האָט זיך אַריינגעגליטשט אין לייהם, אָדער איינ־לעגען צוזאַמען זייערע טעפּ, ווען זיי האָבען זיך געגרייט צו פאָהרען אויפ׳ן יריד אין האַניוואַראַ. דאָס איז געווען זעהר נישט פּאַסיג, דען אַ טעפּער געהער צו דער ניעדעריגסטער קלאַס, היינט בפרט נאָך זיין עזעל. נאָר ווען דער פּריעסטער האָט איהם דאָס בעמערקט, האָט מאָוגלי איהם אַ זאָג געטהון, אַז ער וועט איהם אויך אַרויפזעצען אויף אַ עזעל, און דער פּריעסטער האָט דעריבער גערעטען מעסוּאַ׳ס

מאן, ער זאל וואס שנעלער ארויסיאגען דעם יונג צו דער ארבייט. איין מאל האט דער הויפט פון דערפעל וויסען געגעבען מאוגלי'ן, אז פון מארגען אן מוז ער ארויספיהרען די ביפעלען אויף דעם פאשע-פעלד און זיי היטען די גאנצע צייט, וואס זיי וועלען זיך פאשען.

מאוגלין איז די זאך שטארק געפעלען געווארען. נאך דעם זעלבען אבענד, ווען ער האט געהאט די עהרע צו בעקומען א געזעלשאפטליכע ארבייט, איז ער צוגעגאנגען צו א רעדעל מענשען, וועלכע פלעגען זיך יעדען טאג פארנאכטצייט פערזאמלען אויפ'ן געמויערטען ברוק אונטער דעם שאטען פון א ברייטען פייגענבוים. דאס איז געווען דער דארפס-קלוב, וועלכער האט געהאט די עהרע, עס זאלען קומען צו איהם אויף צו שמועסען און רויכערן א ליולקע ווי דער הויפט, דער אויפזעהער און דער בארבירער, וואס האבען געוואוסט אלע ארטיגע רכילות'ען, אזוי אויך דער אלטער בולדעא, דער דארף-שיצער, וועלכער האט געהאט אנ'אלט-מאדישען ביקס. די מאלפעס האבען גאלעגאטשעט, הענגענדיג אויף די אויבערשטע צווייגען, אין א נארע אונטער דעם ברוק האט געוואהנט די ברילען-שלאנג, וועלכער מען האט יעדען אבענד דערלאנגט א שיסעל מיט מילך, דען דאס איז געווען א הייליגע שלאנג, און די אלטע לייט זענען געזעסען ארום און ארום בוים, געפלוידערט און געפיפקעט פון די לאנגע לולקעס ביז שפעט ביינאכט. מען האט דארט דערצעהלט ערשטוינענדע געשיכטעס וועגען געטער, מענשען און רוחות, און בולדעא פלעגט דערצעהלען נאך ערשטוינענדערע מעשות וועגען די זיטען פון די חיות אין דער וויסטע, אזש די קינדער, וואס זענען געזעסען אביסעלע ערווייטערט פון ברוק, זענען אויסגעגאנגען פון נייגעריגקייט און ענטציקונג. דער גרעסטער טייל פון די מעשות איז געווען וועגען חיות, דען די דאזיגע דארפסלייט האט די וויסטע אפט אנגעריהרט: דא האט א דאמהירש אדער א ווילדער שוויין זיי צעטרעטען די תבואות, דא האט א טיגער אוועקגערויבט א מענשען פארנאכט-צייט פון נעבען דעם דארפס-טויער.

מאוגלי, וועלכער האט נאטירליך געהאט א שטיקעל ידיעה אין דעם אינהאלט פון געשפרעך, האט זיך געמוזט פערשטעלען דאס געזיכט, כדי מען זאל נישט דערזעהן זיין געלעכטער, און נאר זיינע אקסלען האבען געציטערט, ווען בולדעא, האלטענדיג דעם ביקס אין דער לענג אויף די קניה, איז איבערגעגאנגען פון איין גע-

שיכטע צו דער צווייטער, איינע וואונדערבאַרער פון דער אַנדערער.

דען בולדעאָ האָט ערקלערט, אַז דער טיגער, וועלכער האָט אַוועקגערויבט מעסואַ'ס זוהן, איז געווען אַ רוח, אַז אין איהם איז געזעסען אַ פערשאָלטענער גלגול פון דעם אַלטען פּראָצענטניק, וועלכער איז געשטאָרבען מיט עטליכע יאָהר צוריק.

— איך וויים זיכער, אַז אַזוי איז עס, — האָט ער געזאָגט, — דען דער פּראָצענטניק פלעגט גיין אויף אַ קליינער הינקעדיג, ... האָט גערוהט אויף איין פוס, וועלכע מען האָט איהם צעבראָכען בשעת די אונרוהען, ווען מען האָט איהם אויך פערברענט אַלע רעכנונגס־ביכער. און אָט דער דאָזיגער טיגער, וועגען וועלכען איך רעד, הינקט אויך אויף איין פוס, ווי מען קאָן אייגזעהן פון די נישט גלייכע שפּורען פון זיינע לאַפּעס.

— ריכטיג, ריכטיג, אמת! — האָבען איינשטימיג בעשטעטיגט די בכבוד'יגע אַלטע לייט.

— די דאָזיגע גאַנצע געשיכטע איז אַ אויסגעטראַכטער פוסטער ליגען, — האָט זיך מאָוגלי אָבגערופען. — דער דאָזיגער טיגער הינקט, ווייל ער איז געבאָרען געוואָרען אַ לאָהמער, דאָס ווייסען דאָך אַלע. זאָגען, אַז דעם פּראָצענטניק'ס נשמה איז מגולגל געוואָרען אין אַ חיה, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט אפילו דעם מוט פון אַ שאַקאַל, דאָס איז אַ ריינע קינדערשע נאַרישקייט.

בולדעאָ האָט אַ ווײַלע פון גרוים ערשטוינונג קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדען, און דער הויפּט פון דאָרף האָט אויף מאוגלי'ן אויסגעגלאָצט די אויגען.

— אַ, דאָס איז דאָס יונגעל פון דער וויסטע? — האָט ענדליך בולדעאָ געזאָגט. — ווי באַלד דו ביזט אַזאַ קלוגער, טאָ פּרוב בעסער ברענגען דעם טיגער'ס פעל אין האַניוואַרא, דען די רע־גירונג האָט בעשטימט אַ נאַגראַדע פון הונדערט רופּיען פאַר זיין קאָפּ... און נאָך בעסער וואָלט געווען, זאָלסט איינגאַנצען שווייגען, ווען עלטערע רעדען.

מאוגלי איז אויפגעשטאַנען און אַוועקגעהענדיג האָט ער גע־זאָגט ווי צו זיך:

— אַ גאַנצען אָבענד האָב איך געהערט בולדעאָ'ס מעשות, און קוים איין מאָל אָדער צוויי מאָל איז איהם געלונגען צו זאָגען דעם אמת וועגען דער וויסטע, וועלכע ליגט איהם אָט דאָ פאַר די אויגען.

אויב אַזוי, טאָ ווי קאָן מען גלויבען זיינע ערצעהלונגען וועגען געטער, מכשפות און רוחות, וועלכע ער האָט כלומר'שט געזעהן?

בולדעאָ האָט אַזש אָנגעהויבען סאָפּען פאַר כעס אונטער דעם אײַנדרוק פון מאָוגלי'ס בעליידיגונג, און דער הויפּט פון דאָרף האָט זיך אָבגערופען:

— עס איז שוין לאַנג צייט צו פעריאָגען דעם דאָזיגען יונג צו'ם פּאַשען די בהמות.

לויט דעם מנהג, וואָס איז אַיינגעפיהרט כמעט אין אַלע אינ־דישע דערפער, ווערען די סטאַדעס בהמות און ביפּעלען אַרויסגעפיהרט גאַנץ פריה אויף די פּאַשע־פעלדער; עס בעגלייטען זיי עטליכע קליינע פּאַסטוכער, וועלכע פיהרען זיי אָב צוריק אין דאָרף גלייך ווי עס קומט אָן די נאַכט. די זעלבע חיות, וועלכע וואָלטען צעטרעטען אויף טויט יעדען ווייסען מענשען, לאָזען זיך שלאָגען, שטופּען און פיהרען פון קליינע קינדער, וואָס זייערע קעפּלעך דערגרייכען אָפט נישט ביז זייערע פרעסערס. כל זמן די קינדער בלייבען נעבען די סטאַדעס, שטעהען זיי נישט אין קיין געפאַהר, דען אפילו אַ טיגער וואַגט נישט צו בעפאַלען אויף אַ גרעסערע סטאַדע בהמות; ערשט ווען זיי ערוויטערען זיך, ווענדיג אָנרייסען בלומען אָדער האַפּען אַ עקדיש, טרעפט, דאָס זיי ווערען אַוועקגערויבט. פאַרטאָג איז מאוגלי אַרוים דורך דאָס דאָרף־געסעל, זיצענדיג אויפ'ן רוקען פון ראַמאַ, דעם גרעסטען אָקס פון דער סטאַדע; נאָך איהם האָבען זיך געצויגען איינער נאָכ'ן אַנדערען די אַש־פאַרביגע ביפּעלען מיט די לאַנגע הערנער און מיט אַ ווילדען בליק, און מאוגלי האָט בנוגע צו די איבעריגע יונגלעך גלייך פערנומען די שטעלע פון אַן'אָנפיהרער. בעפעהלענדיג איינעם פון די יונגלעך, מיט'ן נאָמען קאַמיאַ, צו פּאַשען די בהמות און זיך נישט ערווייטערען פון די סטאַדעס, איז ער אַליין אַוועקגעגאַנגען מיט די ביפּעלען ווייטער, טרייבענדיג זיי מיט אַ לאַנגע און גלאַטיגע באַמבוס־רוט.

די אינדישע פּאַשע־פעלדער זענען רייך אין פעלזען, בערגלעך, טהאָלען און קליינע גריבער, אין וועלכע די סטאַדעס צעשפּרייטען און בעהאַלטען זיך. די ביפּעלען געפעלען שטאַרק די זומפּען, וואָס אין זייער וואַרעמער בלאָטע וואַלגערען זיי זיך און וואַרעמען זיך שטונדענלאַנג. מאוגלי האָט זיי בעגלייט ביזן עק פונ'ם פעלד, ביז צו'ם אָרט, וואו די וואַינגונגאַ פליסט אַרוים פון דער וויסטע, דאָרט

איז ער אַראָבגעקראָכען פון ראַמאַ'ס רוקען און איז אַרײַנגעשפּרונגען אין אַ טהאָל, וואָס איז געווען אַרומגעוואַקסען מיט באַמבוסען, וואו ער האָט געפונען דעם גרויען ברודער.

— אַ, — האָט דער גרויער ברודער געזאָגט, — שוין פיעל טעג וואַרט איך דאָ אויף דיר. וואָס בעדײַט דאָס, וואָס דו קומסט מיט אַ סטאַדע בהמות?

— מען האָט מיך אַזוי געהײסען. איך בין פאָרלויפיג דער דאָרפס־פאַסטוך. וואָס הערט זיך וועגען שער־האַנ'ען?

— ער איז געווען און האָט לאַנג געלויערט אויף דיר אין דיזע קאַנטען. איצט האָט ער זיך ווידער דערווײַטערט, דען עס האָט איהם אויסגעפעהלט צו'ם רויב. נאָר ער וועט צוריקקעהרען, דען ער וויל דיך טויטען.

— אויסגעצײַכענט, — האָט מאָוגלי געזאָגט. — כל זמן ער וועט זײַן ווײַט, זײַ דו, אָדער אײנער פון די ברידער אויף אָט דעם דאָזיגען פעלזען, כדי איך זאָל קאָנען דערזעהן, אַרויסגעהענדיג פון דאָרף. קוים אָבער וועט ער צוריקקעהרען, וואַרט אויף מיר אין גרוב אויפ'ן מיטען פעלד נישט ווײַט פון דעם בוים דהאַק. איך האָב כלל נישט קײן חשק זיך אַלײן אַרײַנצוואַרפען אין שער־האַנ'ס פרעסער.

דערנאָך האָט זיך מאָוגלי אויסגעזוכט אַ ווינקעל אין שאָטען, דאָרט האָט ער זיך געלעגט און איז אײַנגעשלאָפען, און די ביפעלען האָבען זיך רוהיג געפּאַשעט אַרום איהם. דאָס פּאַשען בהמות געהער אין אינדיען צו די פוילסטע בעשעפטיגונגען. די אָקסען געהען איבער פון אײן אָרט אויפ'ן אַנדערען, פליקען אַרויס דאָס פּאַשע, לעגען זיך און געהען ווידער איבער ערגיץ אַנדערש, און כמעט קײנמאָל ריטשען זיי נישט, נאָר פון צײַט צו צײַט מרוקען זיי אונטער. די ביפעלען רופען זיך נאָך זעלטענער אָב, און אַרײַנקריכענדיג אײנער נאָכ'ן צווײטען אין די זומפיגע פלוסען, פערגראָבען זיי זיך אײנגאַנצען אין דער בלאָטע אַזוי, אַז פון דער הויך שטעקען אַרויס נאָר זײערע קעפּ מיט די גרויסע פאָרצעלאַן־בלויליכע אויגען, און זיי ליעגען אונבעוועגליך ווי די קלעצער. אונטער די ברענענדע זונען־שטראַהלען זעהען־אויס די פעלזען, ווי זיי וואָלטען געציטערט אין דער פאַנאַנדערגעברענטע אַטמאָספערע; נאָר דער גײַער אַלײן, וועלכער ווערט קוים אָנגעזעהן אין דער הויך, פײַפט זיך שטיל

אונטער, נאָר די יונגלעך ווײסען, אַז דער דאָזיגער גײַער וואָלט זיך גלײַך אַראָבגעלאָזט, דורכשפּאַלטענדיג די לופט מיט די פליגלען, ווען איינער פון זיי וואָלט געשטאָרבען, אָדער ווען אַ קוה וואָלט געפאַלען; אַז דערנאָך וואָלט דער נאָהענטסטער גײַער, וועלכער לויערט איינײַגע מײַל ווײַטער, דערזעהענדיג דאָס דאָזיגע אַראָבלאָזען זיך, וואָלט ער אויך געקומען צו פליהען, ערוועקענדיג דאַדורך צום פליהען אויך זײַן שכן, און אַז אויף אַזאַ אופן וואָלטען זיך אַרום דעם נאָך וואַרעמען קערפּער פערזאַמעלט, נישט ווייסענדיג פון וואַנען, עטליכע צעהנדליגער אויסגעהונגערטע גײַערם. די פאַסטוכלעך שלאָפען, האַפען זיך אויף און שלאָפען ווידער אײַן; פלעכטען קוישלעך פון שילף-ראָהר און קלויבען אָן אין זיי סאַמעט-בלומען; האַפען הײַשערעקלעך און צווינגען זיי צו קעמפּפען מיט איינאַנדער; פלעכטען האַלז-בענדער פון רויטע און שוואַרצע ניס, וואָס וואַקסען אין דער וויסטע; לויערן אויף די עקדישען, וואָס וואַרעמען זיך אויף די פעלזען, אָדער אויף די שלאַנגען, וואָס יאָגען זיך נאָך די פרעש אין די זומפּען; זינגען ענדליך לאַנגע, לאַנגע לידער מיט מאָדנע טרילען אויפ'ן סוף פון יעדער שורה, לויט דעם מנהג פון די דאָרטיגע מענשען, און איין טאָג ווײַזט זיך זיי אויס לענגער ווי אַנ'אַנדערן דאָס גאַנצע לעבען. צײַטענווײַז בויען זיי אויס פון בלאָטע גאַנצע פּאַלאַצען און שטעלען אַרום זיי אויסגעקנעטענע פון דער זעלבער בלאָטע מענשען-פיגורען, פערד און ביפעלען, שטעקען אַרײַן די מענשען אין די הענד געוויקסע און צווײַגען, און שטעלען זיך פאָר, אַז דאָס זענען קעניגען אין דער שפּיץ פון מיליטער, אָדער געטער, וועלכע מען מוז אָבגעבען כבוד. ענדליך קומט אָן דער אָבענד, די קינדער פערזאַמלען מיט אַ געשריי די סטאַדעס, די ביפעלען קריכען אַרויס פון דער קלעפּיגער בלאָטע מיט אַ קנאַק, וואָס איז ענליך צו די שאָסען פון אַ פּיסטאָלעט, וואָס הערען זיך איינער נאָכ'ן אַנדערן, און אַלע ציהען זיך אין אַ לאַנגער שורה דורך דאָס דונקעלע פעלד צו די דאָרף-ליכטעלעך, וואָס וואַקלען זיך פון דער ווײַטען.

טאָג בײַ טאָג האָט מאָוגלי אַרויסגעטריבען די ביפעלען צו די זומפּען; טאָג בײַ טאָג האָט ער געזעהן אין אַ ווײַטקייט פון אַנדערהאַלבען מײַל (ענגלישע) דעם רוקען פון גרויען ברודער אַלס

צײַכען, אַז שער־האַן איז נאָך ניט צוריקגעקומען, און טאָג בײַ טאָג, ליגענדיג אויפ'ן גראָז, האָט ער זיך צוגעהערט צו די גערוישען אַרום זיך און האָט געטרוימט װעגען דעם אַמאָליגען לעבען אין דער װיסטע. אין די דאָזיגע לאַנגע שטילע פריה־מאָרגענס האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז ער װאָלט געקאָנט דערהערען יעדעס שטרויכלען זיך פון שער־האַנ'ס הינקענדיגער לאַפּע, העט װײַט אין דער װיסטע אויפ'ן ברעג פון װאַינגונגאַ.

ענדליך אין אַ געװיסען טאָג האָט זיך דער גרויער ברודער שוין מעהר ניט געװיזען אויף דעם אַבגערעדטען אָרט. מאָוגלי האָט זיך צעלאַכט און האָט זיך געלאָזט מיט דער סטאַדע ביפּעלען אויפ'ן מיטען פון דעם פאַשע־פעלד צום טהאָל, װאָס נאָהענט נעבען איהם איז געשטאַנען דער צום ד ה א ק, װעלכער איז אינגאַנצען געװען בעדעקט מיט רויטליך־גאָלדיגער בליהונג. דאָרט האָט ער געפונען דעם גרויען ברודער, בײַ װעלכען יעדעס האָר איז געשטאַנען קאַפּויר אויפ'ן רוקען.

— ער האָט זיך בעהאַלטען אַ גאַנצען מאָנאַט, כדי שװאַכער צו מאַכען דײַן װאַכזאַמקײַט און פאָרזיכטיגקײַט. נאָר די לעצטע נאַכט איז ער דורכגעגאַנגען דורך די פעלדער אין דער בעגלײַטונג פון טאַבאַקי און האָט נאָכגעשפּירט דײַנע פרישע שפּורען, — האָט דער װאָלף געזאָגט, שװער אָטעמענדיג.

מאָוגלי, פערציהענדיג די ברעהמען, האָט געענטפערט:

— איך האָב ניט מורא פאַר שער־האַנ'ען, נאָר טאַבאַקי איז אַ חיטרע חיה!

— אָ, האָב ניט קײן מורא פאַר קײן שום זאַך, — האָט דער גרויער ברודער געענטפערט, בעפּײַכטענדיג לײַכט מיט דער צונג זײַנע ליפּען. — הײַנט בײַ זונען־אויפגאַנג האָב איך זיך געזעהן מיט טאַבאַקי'ן, װעלכער בעשעפטיגט זיך איצט מיט אויסלערנען די גײַערס זײַן קונסט. און װי איך האָב איהם געטראַשעט, אַז איך װעל איהם די ביינער צעברעכען, האָט ער מיר אַלץ מודה געװען: שער־האַן האָט בעשלאָסען צו לויערן אויף דיר אין אָבענד בײַ'ם דאָרף־טויער, נאָר אויף דיר אַלײן. דערװײַל שלאָפט ער אין דעם גרויסען גרוב צװישען די קוסטעס אויף דעם אויסגעטריקענטען פלאַץ פון דער װאַינגונגאַ.

— צי האָט ער הײַנט עפּעס געגעסען, אָדער ער װיל מאַ־

בען די יאַגד ניכטערנערהייד? — האָט מאָוגלי געפרעגט, וויסענדיג, אַז פון דעם ענטפער אויף דער דאָזיגער פראַגע ווענדט זיך זיין לעבען אָדער טויט.

— ער האָט גאַנץ פריה געטוידט אַ ווילדען שווין... און האָט געטרונקען אויך. פערגעס נישט, אַז שער-האַן קאָן נישט פאַסטען אפילו דאַן, ווען ער וויל זיך נוקם זיין.

— אַה, שוטה, שוטה! אָט דאָס איז אַ נאַרישער חזיר! געגעסען און געטרונקען! און ער מיינט, אַז איך וועל וואַרטען, ביז ער וועט זיך אויסשלאָפען! איז וואו, הייסט עס, ליעגט ער? ווען דאָ וואָלטען נאָר געווען צעהן פון אונזערע, וואָלטען מיר שוין דערגאַנגען צו איהם, כל זמן ער שלאָפט נאָך. נאָר די ביפעלען ריהרען זיך נישט פון אָרט, ביז מען ריהרט זיי נישט פאַנאַנדער, און איך קאָן ליידער נישט זייער שפראַך. אָפשר וואָלט עס געלונגען איהם אַרומצוגייגלען און אַריינגעהן פון יענער זייט, לויט זויינע שפורען, וואָס די ביפעלען וואָלטען געקאָנט דערשמעקען?

— אָ, ניין! ער איז שווימענדיג אַריבער איבער דער וואַינגונגאַ און איז אַ לאַנגע צייט געשוואומען קעגען שטראָם, כדי עס זאָל נישט בלייבען קיין שפורען פון איהם.

— דאָס האָט איהם געוויס טאַבאַקי געראַטען. איהם אַליין וואָלט דאָס קיינמאָל אין קאָפּ נישט געקומען.

מאָוגלי האָט זיך טיעף פערטראַכט, האַלטענדיג אַ פינגער אין מויל.

— דער אויסגעטריקענטער פלאַץ פון דער וואַינגונגאַ קומט אויס אַקעגען דאָס גלייכע פעלד אין אַ האַלבע מייל ווייט פון דאַנען. איך וואָלט געקאָנט געהן אַרום דער וויסטע און דורכפיהרען די סטאַדע צום איינגאַנג אין גרוב, און דערנאָך, יאָגענדיג זיי אין טהאָל אַראָב, פערניכטען אַליץ, וואָס זיי וועלען טרעפען אויפ'ן וועג... נאָר ער וועט אַנטרונען ווערען פון דער אַנדערער זייט... גרויער ברודער, צי וואָלסטו מיר נישט געטהון אַ טובה, צו צעטיילען די סטאַדע אויף צוויי טיילען?

— אַליין וואָלט איך זיך אָפשר נישט געקאָנט אַנ'עצה געבען, נאָר איך האָב דאָ נישט ווייט אַ גוטען פריינד און דאָס — נישט אַבי ווען.

דאָס רעדענדיג, האָט זיך דער גרויער ברודער שנעל ער-

ווײַטערט און איז פערשוואונדען געוואָרען ערגעץ אין אַ לאָך. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך פון דער דאָזיגער לאָך אַרויסבעוויזען אַ געוואַלדיגער גרויער קאָפּ, וואָס איז מאָוגלי׳ן געווען זעהר גוט בעקאַנט, און אין דער פערשטויבטער לופט האָט דורכגעקלונגען דער פורכטבאַרסטער פון די אָבקלאַנגען פון דער וויסטע: דאָס וואָיען פון אַ וואָלף, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזען אויף דער יאַגד אין סאַמע מיטען טאָג.

— אַקעלאַ, אַקעלאַ! — האָט מאָוגלי אויסגערופען, פּאַטשענדיג מיט די הענד. — איך האָב מיך געדאַרפט ריכטען, אַז דו וועסט וועגען מיר נישט פערגעסען. מיר האָבען נישט קיין קליינע אַרבײַט אויפ׳ן קאָפּ. אַקעלאַ, צעטייל די סטאַדע אויף צווייען. אויף איין זײַט די קיה און די קעלבער, אויף דער אַנדערער זײַט די אָקסען און די אַרבײַטס־בּיפעלען.

ביידע וועלף זענען דורכגעלאָפען אין גאַלאָפּ דורך דער סטאַדע הין און צוריק, און די חיות, פּאָרסקענדיג און אויפהויבענדיג די קעפּ, האָבען זיך צעטיילט אויף צוויי מחנות.

אויף איין זײַט די קיה, וועלכע האָבען זיך צוזאַמענגעדריקט אַרום די קעלבער, וואָס האָבען זיך געשטופּט אין מיטען, האָבען געוואָרפען מורא׳דיגע בליקען און איבערגעטרעטען פון איין פוס אויף דער אַנדערער, זײַענדיג גרייט, אויב איינער פון די וועלף וועט זיך פערהאַלטען אפילו אויף איין ווײַלע, זיך אַרויפצוואַרפען אויף איהם און איהם צעטרעטען מיט די קאָפּיטעס; אויף דער אַנדערער זײַט האָבען די יונגערע און עלטערע אָקסען אויך געפּאָרסקעט און צוגעטופּעט מיט די פיס, נאָר טראָץ זייער פורכטבאַרען אויסזעהן, זענען זיי דאָך געווען פיעל וועניגער געפעהרליך, דען זיי האָבען נישט געהאַט קיין קעלבער צו בעשיצען. דאָס פאַנאַנדערטיילען די סטאַדע איז אויסגעפיהרט געוואָרען אַזוי וואויל, אַז אפילו זעקס מענשען וואָלטען דאָס נישט געקאָנט בעסער מאַכען.

— וואָס דאַרף מען ווײַטער טהון? — האָט אַקעלאַ געפרעגט פערמאַטערט. — זיי סטאַרען זיך צו פעראייניגען זיך נאָך אַמאָל.

מאָוגלי איז אַרויפגעשפרונגען אויף ראַמאָ׳ס רוקען און האָט אויסגערופען:

— יאָג די אָקסען אויף לינקס, אַקעלאַ! און דו, גרויער ברודער, ווען מיר וועלען אָבגעהן, האַלט די קיה אין אָרדנונג און

צווינג זיי, זיי זאָלען אריינגעהן אין גרוב!

— ווייט? — האט דער גרויער ברודער געפרעגט, עטעמענדיג שווער און נישט אויפהערענדיג צו בייסען אויף רעכטס און אויף לינקס.

— ביז צו דעם אָרט, וואו די ברעגען זענען אזוי הויך, אז שער־האן וועט נישט קאָנען ארויפקלעטערען אויף זיי! — האט מאָוגלי אויסגערופען. — דאָרט פערהאַלט זיי, ביז מיר וועלען אָנקומען.

ווען אקעלא האט אָנגעהויבען בילען און יאָגען, האָבען די אָקסען זיך גערירט פון זייער אָרט, און דער גרויער ברודער איז געשטאַנען כמעט אונטער די קעפ פון די קיה. זיי האָבען זיך אויף איהם א וואָרף געטהון, נאָר ער איז אנטלאָפען פאָרווערטס, און אזוי האָט ער זיי געפיהרט צו'ם איינגאַנג צו אין גרוב אריין. אונטערדעסען האט אקעלא געטריבען די אָקסען ווייט אויף לינקס.

— אויסגעצייכענט! נאָך איין מאָל אזוי אָנדרינגען, און זיי וועלען שוין אליין געהן ווי עס דאַרף צו זיין... אויפמערקזאַמקייט, אקעלא, און איצט נעהם אין אכט! א פאָר מאָל אָנרירען מיט די צייהן, און די אָקסען וועלען פליהען! הויא! מיט זיי איז די זאך זיכערער, ווי מיט נאָכיאָגען זיך נאָך אַנ'אַלטען הירש. דו האָסט אוודאי נישט גערעכענט, אז אזעלכע דיקע אָקסען זאָלען קאָנען לויפען אזוי שנעל? — האט מאָוגלי אויסגעשריען.

— אָ!... איך האָב אמאָל געמאַכט יאַגד אויף זיי... זיינער צייט... — האט אקעלא אָבגעסאָפעט צווישען די וואָלקענס שטויב.— צי איז שוין נישט צייט זיי אלאָז צו טהון צו דער וויסטע צו?

— יאָ, יאָ, וואָס שנעלער! ראַמאַ ווערט אונזיניג פאַר צאָרן. אַה, ווען איך וואָלט איהם נאָר געקאָנט געבען צו פערשטעהן, וואָס איך פערלאַנג פון איהם היינט!

די אָקסען זענען אומגעדרעהט געוואָרען, דאָס מאָל אויף רעכטס, און זיי זענען אריינגעלאָפען צווישען געדיכטע קוסטעס, צעשמעטערענדיג מיט א קנאַק די צווייגען. די אנדערע פאַסטוכלעך, וועלכע האָבען זיך דערצו צוגעקוקט, שטעהענדיג ערווייטערט א האַלב מייל נעבען זייערע סטאַדעס, זענען מיט'ן גאַנצען כח אוועקגעלאָפען אין דאָרף אריין און האָבען געגעבען צו וויסען, אז די בופעלען זענען משוגע געוואָרען און אנטלאָפען. דערווייל אָבער

איז מאָוגלי׳ס פּלאַן געווען אַ גאַנץ אײנפאַכער. אַרומלויפענדיג אַ גרויסען ראָד, האָט ער געוואָלט דערגעהן ביז צו׳ם אויבערשטען ברעג פון גרוב, און יאָגענדיג דורכ׳ן גרוב די גאַנצע סטאַדע, האָט ער געוואָלט פאַקען שער־האַנ׳ען צווישען די אָקסען און די קיה. ער האָט געוואוסט, אַז דער אָנגעפּרעסענער און אָנגעטרונקענער טיגער וועט נישט זיין אימשטאַנד נישט צו קעמפּפען, נישט אַרויפצוקלעטערען אויפ׳ן באַרג. איצט האָט ער מיט זיין שטימע בערוהיגט די ביפעלען, וועהרענד אַקעלאַ איז אונטערדעסען געבליבען וויַיט אויף הינטען און האָט זיך בעגנוגענט מיט אַ ביל טהון פון צייַט צו צייַט, כדי אויפצומונטערן די לעצטע רייַהען. די גאַנצע סטאַדע האָט איצט געבילדעט אַ גאַנץ גרויסען האַלב־ראָד, דען עס איז געגאַנגען אין דעם, אַז ווען מען וועט שוין נאָהנט צוגעהן צו׳ם גרוב, זאָל מען שער־האַנ׳ען נישט אויפוועקען פאַר דער צייַט. ענדליך איז מאָוגלי׳ן געלונגען צו פערזאַמלען די אונזיניג־געוואָרענע חיות אויף דער לאָנקע, וואָס לאָזט זיך משופּעדיג אַראָב ביז צו׳ם סאַמע גרוב. עס איז דאָ געווען אַזוי הויך, אַז פון הינטער די שפּיצען פון די בוימער האָט מען געקענט דערזעהן דאָס גלייַכע פעלד, וואָס ציהט זיך אין טהאָל, נאָר מאָוגלי האָט דערויף נישט געקוקט, נאָר ער האָט בעטראַכט די ברעגען פון באַרג. מיט דער גרעסטער בעפריעדיגונג האָט ער זיך איבערצייַגט, אַז די ווענד פון באַרג זענען געווען כמעט גלייַכע, זענקרעכטע, און די צוגעפּלאָנטעטע וויַין־געוויקסע, וואָס זענען געוואַקסען פון דער הויך ביז אונטען, האָבען דעם טיגער געמאַכט אונמעגליך צוצוקומען אַהין, ווען ער וואָלט וועלען דורך דאָרטען אַנטלויפען.

— איצט לאָז זיי זיך אָפּרוהען, אַקעלאַ, — האָט ער געזאָגט, אויפהויבענדיג די הענד אין דער הויך. — זיי האָבען איהם נאָך נישט דערשמעקט. זאָלען זיי זיך אויססאָפּען. איך מוז שער־האַנ׳ען אָנזאָגען וועגען מיין וויזיט. מיר האָבען איהם אין דער נעץ.

ער האָט צוגעלעגט צו די ליפּען די הענד, וואָס זענען געווען אייַנגעלעגט אַזוי ווי אַ טרומייט, און האָט אַ געשריי געטהון טיעף אַראָב צו צו׳ם גרוב. די שטימע האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט אַזוי ווי אין אַ טונעל, און די ווידער־קולות זענען אַריבערגעשטראָמט אַזוי ווי וועלען פון פעלזען צו פעלזען.

אין אַ לאַנגע ווייַלע אַרום האָט זיך געלאָזט הערען דאָס געצויגענע

און פערשלאָפענע מיאַוקען פון דעם אָנגעפרעסענעם טיגער, וועלכער האָט זיך אויפגעהאַפּט פון שלאָף.

— ווער רופט מיך? — האָט שער-האַן געשריִען.

אין דער הויך, איבערן גרוב, האָט זיך דורכגעטראָגען מיט אַ געשריי אַ פּראַכטפולער פּפוי, קלאַפּענדיג מיט די פליגעל.

— דאָס בין איך, מאָוגלי. דו, קעלבער-רויבער, שוין צײַט זיך צו לאָזען אויפ'ן בעראַטונגס-פעלזען! אַקעלאַ, שטופּ זיי אַראָב אונטען! אונטען אַראָב, ראַמאַ, אונטען!

די סטאַדע האָט זיך אַ ווײַלע אַ וואַקעל געטהון אויפ'ן ברעג פון דער אַראָבהענגענדיגער משופּעקײַט, גאָר ווי זי האָט דערהערט דאָס יעגער-וואָיען, וואָס אַקעלאַ האָט אַרויסגעגעבען מיט אַ פולער שטימע, האָט זי זיך אַ לאָז געטהון אין גאַלאָפּ, פונקט ווי אַ דאַמפשיף אויף אַ שנעלען וואַסער-שטראָם, פערשפּרייטענדיג אַרום זיך זאַמד און שטיינדלעך. קוים האָט זי זיך שוין אַ לאָז געטהון, האָט זי זיך שוין נישט געקאָנט אָבהאַלטען, און נאָך איידער זי איז אַרײַנגעפאַלען אויף שער-האַנ'ס געלעגער, האָט ראַמאַ דערשמעקט דעם טיגער און האָט אַ ריטש געטהון.

— אַהאַ! — האָט זיך מאָוגלי אָבגערופען, זיצענדיג אויף זײַן רוקען. — דו האָסט שוין ענדליך דערפיהלט, אין וואָס עס געהט.

אַ וועלע פון שוואַרצע הערנער, פּרעסער פול מיט שוים און אָנגעשטרענגטע אויגען האָט זיך אַראָבגעקײַקעלט ווי אַ קנויל איבער דעם בריִיטען גרוב, אַזוי ווי עס קײַקלען זיך אַראָב פעלזען בשעת אַ וואַסער-פערפלייצונג, אָבשטויסענדיג צו די ברעגען די שוואַכערע אָקסען, וועלכע האָבען זיך געמאַכט אַ וועג, פערניכטענדיג די גראַזען און קוסטעס. זיי האָבען שוין איצט געוואוסט, אַז זיי מוזען אויספיהרען יענע מוראַ'דיגע אַטאַקע פון די ביפעלען, אַקעגען וועלכער עס קאָן קיין טיגער נישט בײַשטעהן. ווי שער-האַן האָט דערהערט דאָס קלאַפּען פון קאָפּיטעס, איז ער אויפגעשטאַנען און זיך שווערפעלטיג געשלעפּט צו'ם אונטערשטען אַרויסגאַנג פון גרוב, זוכענדיג אויף רעכטס און אויף לינקס אַ בעקוועמערען פּלאַץ צו אַנטלויפען. נאָר די ברעגען זענען געוועזען גלײַכע, און דער שפּאָרער מאָהלצײַט, און דאָס וואַסער, וואָס ער האָט זיך אָנגעטרונקען, האָבען איהם געמאַכט אונפעהיג זיך אָנצושטרענגען, כדי זיך צו פערטיידיגען. די סטאַדע איז אַרײַנגעפאַלען אין זומפּף, וואָס דער

טיגער האָט נאָר וואָס פערלאָזען, אָנפילענדיג מיט אונגעהויערע גוואַלדען דעם שמאָלען גרוב ווי אַ קעסעל, און אויפ'ן צווייטען עק פון גרוב האָבען זיך געלאָזט הערען אַלס ענטפער אויך אַזעלכע גוואַלדען. מאָוגלי האָט דערזעהן, ווי שער־האַן האָט זיך פּלוצלונג אומגעדרעהט (דען ער האָט געוואוסט, אַז אין דער דאָזיגער פערצווייפעלטער לאַגע איז שוין בעסער זיך צו שטעלען אַקעגען די ביפּעלען, איידער אַקעגען די קיה מיט די קעלבער), נאָר פּלוצלונג האָט זיך ראַמאַ אומגעשטרויכעלט, נאָר גלייך האָט ער זיך ווידער אַלאָז געטהון, צעקוועטשענדיג מיט די פיס עפּעס ווייכס, און אין דער שפּיץ פון די איבעריגע אָקסען איז ער אָנגעפאַלען אויף דער צווייטער סטאַדע מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די שוואַכערע אָקסען זענען געפאַלען פון די פיס. לויפענדיג אין אַזאַ אימפּעט זענען ביידע סטאַדעס אַרויסגעשטופּט געוואָרען אויף דאָס גלייכע פעלד, וואו זיי האָבען זיך הראָפּענדיג אָבגעהאַלטען, אָנשטעלענדיג די הערנער און טופּענדיג מיט די פיס. מאָוגלי האָט אויסגעוואַרט ביז אַ פּאַסיגער מינוט, און דאַן האָט ער זיך אַראָבגערוקט פון ראַמאַ'ס רוקען און האָט אָנגעהויבען שלאָגען מיט זיין שטעקען די חיות אויף רעכטס און אויף לינקס.

— אַקעלאַ, שנעלער, צענעהם זיי! צענעהם זיי, דען זיי וועלען זיך צעשטויסען מיט די הערנער! רוק זיי אָב, אַקעלאַ!.... האַי!... ראַמאַ! האַי. האַי, האַי!... מיינע קינדער... רוהיג איצט, רוהיג! אָט איז שוין נאָך אַלעם.

אַקעלאַ און דער גרויער ברודער זענען דורכגעלאָפען דורך די ביידע סטאַדעס, בייסענדיג די ביפּעלען אין די פיס; די סטאַדע האָט זיך מיט אַמאָל איינגאַנצען אומגעדרעהט, וועלענדיג זיך ווידער אַלאָז טהון באַרג אַרויף, נאָר מאָוגלי'ן איז געלונגען אויסצודרעהען ראַמאַ'ן אין דער געהעריגער ריכטונג, און נאָך איהם האָבען זיך נאָכגעצויגען אויך די איבעריגע ביפּעלען. שער־האַנ'ען האָט מען נישט געדאַרפט דערענדיגען הרגענען. אַרום איהם האָבען זיך שוין גייערס פערזאַמעלט.

— געפּגר'ט ווי אַ הונד, ברידער, — האָט מאָוגלי געזאָגט, אַרויסציהענדיג דעם מעסער, וועלכען ער האָט שטענדיג געטראָגען אין דער פּאָהווע, האַלטענדיג איהם פערבונדען אויפ'ן האַלז, כל זמן ער האָט געלעבט צווישען מענשען. — נאָר ער וואָלט אין

קיין פאַל זיך נישט געשטעלט קעמפפען. וואַהללאַה! זיין פעל וועט שען אויסזעהן אויף דעם בעראַטונגס־פעלזען. מען דאַרף זיך געהמען צו דער אַרבייט, נישט פערליערענדיג קיין צייט.

אַ קינד, וואָס איז ערצויגען געוואָרען צווישען מענשען, וואָלט אפילו נישט געוואַגט אַ קלער צו טהון אָבצושינדען די פעל פון אַ צעהן־פיסיגען טיגער, נאָר מאָוגלי האָט זעהר גוט געוואוסט, אויף וואָס עס האַלט זיך די פעל פון אַ חיה און ווי מען דאַרף זי אָבשינדען. נאָר אַלענפאַלס איז דאָס געווען אַ אונגעהויער שווערע אַרבייט, און מאָוגלי האָט געשניטען, געצויגען און געהאָרעוועט אַ גוטע שטונדע, וועהרענד די וועלף זענען געשטאַנען און האָבען זיך צוגעקוקט מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער, און נאָר ווען ער האָט עס פערלאַנגט, זענען זיי צוגעגאַנגען און האָבען געהאָלפען ציהען די פעל. פלוצלונג האָט עמיצענס האַנד זיך אַראָבגעלאָזט אויף זיין אַקסעל, און ווען ער האָט אויפגעהויבען די אויגען האָט ער הינטער זיך דערזעהן בולדעאָ'ן מיט'ן מושקעט. די קינדער האָבען אין דאָרף דערצעהלט, ווי די בימפעלען זענען אונזיניג אַנטלאָפען, און בולדעאָ איז דעריבער אַרויסגעלאָפען אין גרויס צאָרן, וועלענדיג גיך בע־שטראָפען מאָוגלי'ן דערפאַר, וואָס ער האָט שלעכט געהיט די סטאַדעס. די וועלף, דערזעהענדיג, ווי אַ מענש קומט אָן, האָבען זיך בעהאַלטען.

— וואָס איז דאָס גאָר פאַר אַ משוגעת! — האָט בולדעאָ אויסגערופען אין צאָרן. — רעדסטו זיך הייסט עס איין, אַז דו וועסט קאָנען איינער אַליין אָבשינדען די פעל פון אַ טיגער!... וואו האָבען איהם די בימפעלען געהרגעט?... בּאַ, דאָס איז ער דאָך טאַקי דער לאָהמער טיגער, וואָס פאַר זיין קאָפּ האָט מען בע־שטימט הונדערט רופיען... נו, שוין גוט, דאָס מאָל וועט דיך אויסמיידען דער שטראָף דערפאַר, וואָס דו האָסט פערלאָזט די סטאַדע, און עס קאָן נאָך זאָגאַר זיין, אַז דו וועסט בעקומען פון מיר איין רופיע, ווען איך וועל אָבטראָגען די פעל קיין האַניוואַראַ.

ער האָט אַ זוך געטהון אין זיין גאַרטעל, אַרויסבעקומען פון דאָרטען אַ שטיינדעל און קרעמיען, און ער האָט זיך איינגעבויגען, וועלענדיג אָבברענגען שער־האָנ'ס וואָנסעס, ווי עס איז דער מנהג ביי דעם רוב פון די אינדישע יעגער, וועלכע טהוען דאָס, כדי עס זאָל זיי נישט בעזוכען דער רוח פון דער געטוידטער חיה.

— המ, המ! — האט מאוגלי געזאגט ווי צו זיך אליין, אראבבייסענדיג די פעל פון איין לאפע. — ווילסטו הייסט עס אבטראגען די פעל קיין האניווארא און בעקומען די נאגראדע, און מיר ועסטו געבען איין רופיע? אט וויל איך שוין בעסער איבערלאזען די פעל פאר זיך. רוק זיך אב מיט'ן פייער, אלטער!

— ווי רעדסטו עפעס צו דעם אנפיהרער פון די דארפס-יעגער? א צופאל און די נארישקייט פון די ביפעלען האבען דיר געהאלפען הרגענען די דאזיגע חיה. דער טיגער איז געווען אנגעפרעסען, ווען נישט דאס וואלט ער זיך איצט געשפאציערט א מייל צוואנציג וויים פון דאנען. אפילו אבשינדען איהם ווי עס דארף צו זיין קאנסטו נישט, דו קליינער קבצן, און דו ערלויבסט זיך צו רעדען צו מיר צו בולדעא'ן: „ברען איהם נישט אב די וואנסעס!" מאוגלי, דערפאר וועסטו נישט בעקומען אלס נאגראדע אפילו קיין אננע, נאר דערפאר וועל איך דיך אבשמייסען ווי עס דארף צו זיין, און א סוף. צעשטעך מיר נישט די נבלה!

— אין נאמען פון דעם אקס, וועלכער האט מיך אויסגעלעזט! — האט מאוגלי א ברום געטהון, זיך נעהמענדיג צו דער לאפאטקע, — צי דען מוז איך דעם גאנצען פארמיטאג אויסהערען די רעדערייען פון דער דאזיגער מאלפע? אקעלא, צו מיר! דער דאזיגער מענש האט מיך שוין דערעסען!

בולדעא, וועלכער איז נאך אלץ געווען איינגעבויגען איבער שער-האנ'ס קאפ, האט זיך פלוצלונג דערזעהן אנ'אויסגעצויגענעם אויפ'ן גראז מיט א גרויען וואלף, וועלכער איז איהם געלעגען אויף די פיס. און מאוגלי האט זיך ווייטער רוהיג געשונדען די פעל, אזוי ווי אויסער איהם וואלט אין גאנץ אינדיען קיינער נישט געווען.

— אזוי, אזוי — האט ער גערעדט דורך די צייהן. — ווירקליך, בולדעא, דו האסט רעכט, דו וועסט מיר קיינמאל נישט געבען אפילו קיין אננע פאר א נאגראדע! איך האב געהאט פון לאנג.... פון זעהר לאנג א סכסוך מיט דעם דאזיגען לאהמען טיגער, נאר איך האב געזיעגט!

מען מוז בולדעא'ן אבגעבען רעכט, דאס ווען ער וואלט געווען יונגער מיט א יאהר צעהן און וואלט בעגעגענט אקעלא'ן אין וואלד, וואלט ער זיך נישט אונטערגעגעבען אהן א קאמפף, נאר א וואלף,

וואָס פאָלגט אַ קליינעם יונגעל, וואָס האָט ווידער פּערזענליכע סכסוכים מיט מענשענ־פרעסענדע טיגערען, האָט ניִשט געקאָנט זיין קיין געוועהנליכע חיה. דאָס מוז זיין אַ כשוף, אַ צויבער, אָדער גאָך עפּעס ערגערס, האָט בּולדעאָ געקלערט, און ער האָט זיך געשטעלט אַ פראַגע, צי די קמיעה, וואָס ער טראָגט אויפ'ן האַלז, וועט זיין געַנוּג איהם צוּ בּעשיִצען? ער איז געלעגען נישט ריהרענ־דיג זיך אפילו און ערוואַרטענדיג, אַז אָט אָט וועט מאָוּגלי אַליין פערוואַנדעלט ווערען אין אַ טיגער.

— מ אַ ה אַ ר אַ י אַ ה! גרויסער קעניג! — האָט ער ענדליך אַ־רויסגערעדט שטילערהייד און אונטערטעניג.

— וואָס אַזוינס? — האָט מאָוּגלי שפּאָטיש געפרעגט, נישט אומדרעהענדיג דעם קאָפּ.

— איך בּין אַלט. איך האָב נישט גערעכענט, אַז דו זאָלסט זיין עפּעס מעהר, ווי אַ קליינער פּאַסטוּכעל. צי וועסט מיר ערלויבען אויפצושטעהן און אַוועקצוגעהן, אָדער דיין דיענער מוז מיך צע־רייסען?

— געה דיר בשלום. געדענק נאָר, אַז נאָך אַמאָל זאָלסט נישט האָבען קיין פּרעטענזיעס צוּ מיין רויב. לאָז איהם אָב, אַקעלאַ!

בּולדעאָ איז, שטרויכלענדיג זיך, אַנטלאָפען צוּ'ם דאָרף וואָס שנעלער, זיך אומקוקענדיג, צי איז שוין מאָוּגלי אַמאָל נישט פער־וואַנדעלט געוואָרען אין עפּעס אַ ווילדע חיה. גלייך ווי ער איז אָנ־געקומען אין דאָרף, האָט ער אָנגעהויבען לאַנג און בּרייט אַרומ־צורעדען וועגען כשוף, צויבער און נישט גוטע, וואָס האָט גע־צוואונגען דעם פּריסטער צוּ מאַכען אַ העכסט ערנסטע מינע.

מאָוּגלי האָט דערוויַיל פאָרטגעזעצט זיין אַרבּייט, און דער אָבענד איז שוין אינגאַנצען אָנגעפאַלען, איידער עס איז איהם מיט דער הילף פוּן די צוויי וועלף געלוּנגען אָבצושינדען אינגאַנצען פוּן קערפּער די גרויסע, פערבּלוטיגטע פעל.

— איצט לאָ'מיר דאָס בּעהאַלטען און אָבפיהרען די בּיפּעלען. העלף מיר זיי צוּנויפצוזאַמלען, אַקעלאַ.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט די סטאַדע צוריקגעקעהרט אַהיים דורך די שאָטענס פוּן דער אָנפאַלענדער נאַכט. צוקומענדיג צוּם דער־פעל, האָט מאָוּגלי דערזעהן ליכטער, דערהערט אַ פּייפעניש, שטימען פוּן מושעלן און אַ קלינגעריי. אַמוועניגסטענס אַ העלפט

פון די דאָרפס־אַיינוואָהנער האָט אָבגעוואַרט בײַ׳ם טויער זײַן צו־ריקקומען.

— דאָס איז דערפאַר, ווײַל איך האָב געטוידט שער־האַנ׳ען! — האָט ער אַ טראַכט געטהון.

פלוצלונג האָט אַ האָגעל שטײנער איהם אַ פײַף געטהון פאַר די אויערן און ער האָט דערהערט די געשרײען פון די דאָרפס־לײַט:

— כשוף־מאַכער! וואָלפענזוהן! רוח פון דער וויסטע! טראָג דיך אָב! טראָג דיך גלײַך אָב פון דאַנען, אַז נישט וועט דיך דער פריעסטער ווידער פערוואַנדלען אין אַ וואָלף. שיעס, בולדעאָ, שיעס!

בולדעאָ האָט אַ שאָס געטהון מיט אַ גרויסען קנאַק, און גלײַך האָט איינער פון די יונגע ביפּעלען אַ ריטש געטהון פון וועהטאָג.

— ווידער כשוף! — האָבען די דאָרפס־לײַט געשריען. — ער קאָן אָבשטויסען די קוילען! בולדעאָ... דאָס איז טאַקי דײַן ביפּעל.

— וואָס בעדײַט דאָס אַלעס? — האָט מאָוגלי געפרעגט ער־שטוינט, ווען די שטײנער זענען געדיכט דורכגעפלויגען איבער זײַן קאָפּ.

— די דאָזיגע ברידער דײַנע שיידען זיך נישט פיעל אונטער פון די יעניגע פון דער מחנה, — האָט אַקעלאַ געענטפערט, זיך רו־היג בעזעצענדיג. — אויף וויפיעל איך פערשטעה, די שפּראַך פון די קוילען, האָבען זיי חשק דיך אַרויסצוטרײַבען.

— וואָלף! וואָלפענזוהן! טראָג דיך אָב! — האָט געשריען דער פריעסטער בעוועגענדיג מיט אַ צווײַגעל פון אַ הײליגען געוויקס, וואָס ווערט אָנגערופען טולסי.

— ווידער אַרויסטרײַבען? דעמאָלט דערפאַר, וואָס איך בין געווען אַ מענש. הײַנט ווידער דערפאַר, וואָס איך בין אַ וואָלף. געהען מיר אַלזאָ, אַקעלאַ!

עפּעס אַ פרוי (דאָס איז געווען מעסואַ) איז צוגעלאָפען צו דער סטאַדע, רופענדיג מיט אַ געוויין:

— מײַן זוהן, מײַן זוהן! זיי זאָגען, אַז דו ביזט אַ כשוף־מאַכער, אַז דו קאָנסט, ווען דו דאַרפסט, פערוואַנדעלט ווערען אין אַ

היה. איך גלויב דאָס נישט, נאָר דאָך גיה אַוועק פון דאַנען, דען זיי וועלען דיך הרגענען. בולדעאָ זאָגט, אַז דו ביזט אַ כשוף-מאַכער, נאָר איך ווייס, אַז דו האָסט זיך נאָר נוקם געווען. נאַדזוו!

— קעהר צוריק, מעסואַ! — האָט די מאַסע געשריען. — קעהר צוריק, אָדער מיר וועלען דיך פערשטיינען!

מאָוגלי האָט זיך צעלאַכט מיט אַ נישט גוטען טרוקענעם געלעכטער. איין שטיינדעל האָט איהם געטראָפען אין די ליפּען.

— קעהר שנעל צוריק, מעסואַ! דאָס איז איינע פון יענע נאַרישע מעשות, וואָס זיי דערצעהלען זיך אונטערן גרויסען בוים, ווען די נאַכט קומט אָן. איך האָב זיך אַמוועניגסטענס נוקם געווען פאַר דעם טויט פון דיין זוהן! זיי געזונד און אַייל זיך צו, דען איך וויל זיי אָבשיקען די סטאַדע נאָך שנעלער, איידער עס וועלען דערפליהען צו מיר זייערע שטיינער. איך בין נישט קיין כשוף-מאַכער, מעסואַ. זיי געזונד!

— און איצט די לעצטע אָנשטרענגונג, אַקעלאַ! צווינג די סטאַדע צו לויפען.

די ביפּעלען האָט מען נישט געדאַרפט צווינגען. ווי נאָר אַקעלאַ האָט אַ וואָיע געטהון, האָבען זיי זיך אַלאָז געטהון ווי אַ לאַווע דורך דעם טויער, צעטרייבענדיג די מאַסע אויף רעכטס און אויף לינקס.

— צעהלט זיי גוט אויס, צי האָב איך נישט איינעם פון זיי אַוועקגערויבט! — האָט מאָוגלי געשריען מיט פעראַכטונג. — צעהלט זיי גוט אויס, דען איך וועל שוין מעהר נישט זיין קיין פאַסטוך אויף אַייערע פאַשע-פעלדער. זייט געזונד, מענשען-קינדער, און דאַנקט מעסואַ'ן דערפאַר, וואָס איך פעריאָג אַייך נישט מיט מיינע וועלף פון אַייער איינגענער גאַס.

ער האָט זיך אָבגעדרעהט און איז אַוועקגעגאַנגען אין דער בעגלייטונג פון דעם וואָלף דעם איינזאַמען, און קוקענדיג אויף די שטערען, האָט ער זיך געפיהלט גליקליך.

— גענוג שוין מיר צו שלאָפען אין נעצען, אַקעלאַ! לאָמיר נעהמען שער-האַנ'ס פעל און לאָמיר געהן. ניין, מיר קאָנען דעם דאָרף קיין שלעכטס נישט טהון, דען מעסואַ איז געווען גוט צו מיר.

און ווען די לבנה איז אַרויסגעשוואומען, בעגיסענדיג דאָס ברייטע פעלד מיט אַ מילך-בעלייכטונג, האָבען די ערשטוינטע און איבערגעשראָקענע אַיינוואָהנער פון דאָרף דערזעהן פון וויַיטען מאָוגלי'ן

מיט צוויי וועלף הינטער זיך און מיט עפעס א שווערע משא אויפ'ן קאפ; ער איז געגאנגען מיט יענעם רעגולערען לויפען פון א וואלף, וואס שלינגט איין די שטרעקע, ווי פייער. דאן האבען זיי אנגעהויבען קלינגען מיט די גלעקער און בלאזען מיט די מושעלן נאך שטארקער ווי פריהער; מעסוא האט געוויינט, און בולדעא האט וואס א מאל מעהר בעפוצט זיינע שילדערונגען וועגען דער מעשה, וואס האט זיך איהם געטראפען אין דער וויסטע, און ער איז שוין דערגאנגען אזוי וויט, אז דער וואלף האט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און האט גערעדט צו איהם ווי א מענש.

די לבנה האט שוין באלד געהאלטען ביי'ם אונטערגעהן, ווען מאוגלי איז מיט די צוויי וועלף אנגעקומען אונטער דעם בעראטונגס־פעלזען און איז אריינגעגאנגען אין דעם גרוב פון דער וועלפין־מוטער.

— מען האט מיך ארויסגעטריבען פון דער מענשען־מתנה, מוטער! — האט מאוגלי אויסגעשריען. — נאר איך קעהר צוריק מיט שער־האנ'ס פעל. איך האב געהאלטעןווארט!

די וועלפין, די מוטער איז ארויסגעגאנגען מיט שנעלע טריט, און נאך איהר איהרע קינדער. איהרע אויגען האבען אויפגעלויכטען, ווען זי האט דערזעהן די פעל.

— איך האב דאס איהם פאראויס געזאגט אין דעם טאג, ווען ער האט אריינגעשטעקט דעם קאפ און דעם קארק אין דעם דאזיגען גרוב, פערלאנגענדיג, מען זאל דיך ארויסגעבען, קליין פרעשעלע. איך האב איהם געזאגט, אז אנשטאט יעגער וועט ער ווערען רויב. גוט האסטו געטהון!

— גוט האסטו געטהון, ברודערל! — האט זיך אבגערופען א טיעפע שטימע, וואס איז ארויסגעקומען פון צווישען די קוסטעס. — מיר האבען זיך דא געפיהלט איינזאם אין דער וויסטע אהן דיר.

און באגהירא האט זיך אנידערגעווארפען צו מאוגלי'ס בארוועסע פיס. זיי זענען אלע צוזאמען ארויפגעקראכען אויף דעם בעראטונגס־פעלזען, מאוגלי האט אויסגעשפרייט שער־האנ'ס פעל אויף א פלאכען פעלזען, אויף וועלכען עס פלעגט געוועהנליך זיצען אקעלא, און האט זי צוגעשלאגען מיט פיער באמבוס שטעקלעך. דאן האט זיך אקעלא געלעגט אויף דער פעל און האט זיך אבגערופען מיט זיין אלטען אויסשריי צו דער מחנה: „קוקט זיך צו אויפמערקזאם, וועלף!"— פונקט אזוי ווי דעמאלט, ווען מען האט מאוגלי'ן צו'ם ערשטען מאל

געבראַכט אַהער.

פון דער מינוט, ווי אַקעלאַ איז בעזייטיגט געוואָרען פון דער מאַכט, איז די מחנה געבליבען אָהן אַ אָנפיהרער, געהענדיג אויף דער יאַגד און קעמפּפענדיג ווי איינער האָט געקאָנט. נאָר אויף דעם דאָזיגען אויפרוף האָבען אַלע געענטפערט, און אויף דעם בעראַטונגס־פּעלזען האָבען זיך אָנגעהויבען צונויפקומען די וועלף, וואָס פיעל פון זיי האָבען געהינקט, נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך צעבראָכען די פיס אין די וואָלפען־נעצען, אַנדערע האָבען זיך געשלעפּט מיט דורכגעשאָסענע לאַפּעס, אַנדערע ענדליך האָבען געליטען פון קרעץ, וואָס איז אַרויסגעקומען פון נישט ריינער נאַהרונג, און פיעל האָבען אינגאַנצען געפעהלט. די, וועלכע זענען געבליבען לעבען, זענען אַלע געקומען אויף דעם בעראַטונגס־פּעלזען און האָבען געקוקט אויף שער־האַנ'ס פעל, וואָס איז געווען אויסגעצויגען אויפ'ן פּעלזען, און אויף די מוראדיגע נעגעל, וואָס זענען געהאַנגען אויף די עקען פון די אויסגעלעדיגטע און הענגענדע לאַפּעס.

— קוקט זיך צו אויפמערקזאַם, וועלף! צי האָב איך נישט געהאַלטען וואָרט? — האָט מאָוגלי געזאָגט.

און די וועלף האָבען אָפּגעבילט אויף יאָ; און איינער פון זיי, אינגאַנצען פערוואונדעט, האָט אָנגעהויבען וואָיען:

— אַקעלאַ, זיי ווידער אונזער אָנפיהרער! און דו, קליינער מענש, לייט אונז און פיהר אונז אויך — דען מיר וועלען אונטערגעהן, לעבענדיג לאַנג אָהן געזעצען. מיר ווילען ווידער ווערען אַ פריי פאָלק.

— ניין, — האָט אַ ברום געטהון די פּאַנטערין, — דאָס קאָן נישט זיין. ווען איהר זענט זאַט, זענט איהר ווידער בריינט אָנצומאַכען אומאָרדנונגען. נישט אומזיסט האָט מען אייך אַ נאָמען געגעבען: פריי פאָלק; איהר האָט געקעמפּפט פאַר דער פרייהייט און איהר האָט די בעקומען. איצט זאָל זי אייך שפּייזען!

— די מענשען־מחנה און די וואָלפען־מחנה האָבען מיך אָפּגעשטויסען פון זיך, — האָט מאָוגלי געזאָגט. — איך וועל דעריבער אַליין אַרומגעהן אין דער וויסטע און מאַכען די יאַגד!

— און מיר וועלען דיר נאָכגעהן! — האָבען אויסגעשריען פיער וועלפּעלעך.

מאָוגלי האָט זיך ערוייטערט און פון דער מינוט אָן האָט ער

רעדיארד קיפלינג.

געמאכט די יאגד אין דער וויסטע צוזאמען מיט פיער וועלפעלעך. נאר ער איז נישט געבליבען אויף עביג איינזאם, דען אין עטליכע יאהר ארום איז ער געווארען א מאנספערזאן און האט חתונה געהאט.

נאר דאס איז שוין א געשיכטע פאר דערוואקסענע.



מאָוגלי׳ס הימנוס,

וואָס ער האָט געזונגען אויף דעם בעראַ־טונגס־פעלזען, טאַנצענדיג אויף שער־האַנ׳ס פעל.

דאָס איז דער געזאַנג פון מאוגלי. — איך, מאוגלי, זינג. — זאָל הערען די גאַנצע וויסטע, וואָס פאַר אַ טהאַטען איך האָב אויפ־געטהון.

שער־האַן האָט געטראַשעט, דאָס ער וועט טויטען, דאָס ביים טויער אין דער אָבענד־דונקעלהייט וועט ער טויטען מיך, מאוגלי־פרעשעלע׳ן.

ער האָט געגעסען און געטרונקען. טרינק לאַנג, שער־האַן, דען ווען וועסטו דערנאָך טרינקען? איצט שלאָף און טרוים וועגען דיין רויב.

איינער אַליין בין איך אויף די פאַשע־פעלדער. קום צו געהן, גרויער ברודער! קום אויך דו, איינזאַמער! אויף אַ שטאַרקע חיה וואַרט אויף אונז היינט אַ יאַגד!

פערזאַמעלט די גרויסע ביפעלען און אָקסען מיט דער בלוילכער פעל און מיט׳ן אונזיניגען בליק. פיהרט זיי אַהער און אַהין, אַזוי ווי

איך וועל בּעפֿעהלען. שער־האַן, דו שלאָפסט נאָך! שטעה אויף, אַה, שטעה אויף! אָט קום איך, און די אָקסען געהען נאָך מיר.

ראַמאַ, דער קעניג פֿון די אָקסען, צעזעצט די ערד מיט דער קאָפּיטע. איהר, וועלען פֿון וואַינגונגאַ, צי האָט איהר נישט געזעהן שער־האַנ׳ען?

ער איז דאָך נישט קיין סאַהי, ער זאָל זיך קאָנען אין אַ גרוב פֿערגראָבען, ער איז דאָך נישט מאָר, דער פּראַכטפֿולער פֿפֿוי, ער זאָל קאָנען אין די לופֿט אַוועקפֿליהען.

ער איז דאָך נישט מאַנג, די פֿלעדערמויז, ער זאָל קאָנען בּלייבּען הענגען אויף אַ צווייג.

זאָגט, איהר יונגע רוישענדע בּאַמבּוסען, וואו האָט זיך אַהינגעטהון שער־האַן?

אָאוּ! ער איז דאָ! אַהוּ! ער איז דאָ! אונטער ראַמאַ׳ס קאָפּיטעס ליעגט דער לאָהמער טיגער. שטעה אויף, שער־האַן! שטעה אויף און מאָרד! דאָס רויב איז פֿאַר דיר; דרעה אָב די אָקסען דעם קאַרק!

שאַ! ער שלאָפֿט. לאָמיר איהם נישט וועקען, דען זיין קראַפֿט איז גרויס. די גייערס האָבּען זיך אַראָבּגעלאָזען, אום זיך צוצוקוקען צו איהר פֿון דער נאָהנטען. שוואַרצע מוראַשקעס זענען אַרויסגעקומען אין דער הויך, אום זיך מיט איהר צו בּעקענען. עס פֿערזאַמעלט זיך אַ פֿיינע געזעלשאַפֿט פֿון זיין כּבוד וועגען.

אַלאַלאַ! איך האָב מיך נישט אין וואָס איינצוהילען. די גייערס וועלען דערזעהן, דאָס איך בּין נאַקעט. איך שעם מיך צו בּעגעגענען זיך מיט זיי אַלעמען!

לייה מיר אַ קלייד, שער־האַן! לייה מיר דיין שרייענד־העלע קלייד מיט די פֿלאַמענדיגע פּאַסען, דען איך וויל מיך לאָזען געהן אויף דעם בּעראַטונגס־פֿעלזען.

אין נאָמען פֿון דעם אָקס, וואָס האָט מיר לעבּען געגעבּען, איך האָב אַ נדר געטהון. עס פֿעהלט מיר דיין קלייד, אום וואָרט צו האַלטען.

מיט אַ מעסער אין דער האַנד, מיט אַ מעסער, וואָס מענשען בּענוצען, מיט אַ יעגער־מעסער אין דער האַנד, בּויג איך מיך איין צו נעהמען דאָס, וואָס געהער מיר.

איהר, וועלען פֿון וואַינגונגאַ, קוקט, ווי שער־האַן גיעט מיר

אָב זײַן קלײד, דען ער ליעבט מיך. ציה, גרויער ברודער! ציה, אַקעלאַ! שווער איז שער־האַנ'ס פעל!

די מענשען־מחנה צאָרנט. זיי וואַרפען שטיינער און פלוידערען ווי קינדער. בלוט רינט פון מײַנע ליפען. איך געה אַוועק.

אין אַ הײסע לאַנגע נאַכט לויפט מיט מיר שנעל, ברידער. לאָמיר פערלאָזען די דאָרפס־וואָהנונגען און לאָמיר געהן אין די זײַט, וואו די לבנה געהט אונטער.

איהר, וועלען פון וואַינגוונגאַ! די מענשען־מחנה האָט מיך אַרויסגעטריבען. איך האָב זיי קיין שלעכטס נישט געטהון, און דאָך האָבען זיי מורא פאַר מיר. פאַרוואָס?

דו, וואָלפען־מחנה, דו האָסט מיך אויך אַרויסגעטריבען. די ווסטע איז פאַר מיר פערשלאָסען, דער דאָרפס־טויער אויך. פאַרוואָס?

אַזוי ווי מאַנג הענגט צווישען חיות און פויגעל, אַזוי הענג איך צווישען דאָרף און ווסטע. פאַרוואָס?

איך טאַנץ אויף שער־האַנ'ס פעל, נאָר אויפ'ן האַרצען איז מיר שווער. די דאָרפס־שטיינער האָבען מיר געטראָפען אין געזיכט און עס פערוואונדעט. נאָר אויפ'ן האַרצען איז מיר לײַכט, דען איך בין צוריקגעקומען אין די ווסטע. פאַרוואָס?

איינס און דאָס אַנדערע קעמפפט אין מיר, אַזוי ווי עס קעמפ־פען די שלאַנגען מיט זיך אין פריהלינג. וואַסער שטראָמט פון מײַנע אויגען, און די ליפען לאַכען. פאַרוואָס?

צוויי מאָוגלי'ס זענען דאָ אין מיר, נאָר שער־האַנ'ס פעל ליעגט אונטער מײַנע פיס. די גאַנצע ווסטע ווייס, אַז דאָס האָב איך געטויט שער־האַנ'ען. קוקט זיך צו אויפמערקזאַם, וועלף!

אַהוו! אויפ'ן האַרצען איז מיר שווער פון עפּעס, וואָס איך פערשטעה נישט.

ריקקי=טיקקי=טאַווי.

פאַר דער שלאַנגען=נאָרע גיך
רויט די אויגען שטעלט ער זיך;
רויט די אויגען רופט ער: וואַג
מיט דעם טויט צו קעמפפען, נאַג!

אויג אָן אויג און קאָפּ ביי קאָפּ;
(שנעלער דרעה דיך, נאַג!)
אָט דאָס איז אַ טאַנץ, אַ האָפּ!
(רעכטס אָב, לינקס קריך, נאַג!)

פון אונז איינער שטאַרבט געוויס;
(אָט איך שפּרינג שוין, נאַג!)
קאָלפּאַק=טרעגער, וועה דיר איז!
(ס'איז נאָך דיר שוין, נאַג!)

דאָס אִיז דִי געשִיכטע פון דעם גרויסען קאַמפף, וואָס רִיקקִי־טִיקקִי־טאַווִי האָט אֵיינער אַלֵיין אויסגעפִיהרט אִין דִי באַדע־צִימערען פון דער גרויסער ווִילע אִין אומגעגענד סעגאָולִי. געהאָלפען האָט אִיהם דאַרזִי, דער שנײַדער־פויגעל, און הוהונדרע, דִי בִּיזאַם־ראַטע (קרִיסאַ), וועלכע רוקט זִיך קֵיינמאָל נִישט אַרויס אויפ'ן מִיטען פון דער פּאָד=לאָגע, נאָר לויפט שטענדִיג דורך נאָר אִיבער דער לענג פון דִי ווענד, האָט אִיהם עצות געגעבען, נאָר געקעמפפט האָט רִיקקִי־טִיקקִי אֵיינער אַלֵיין.

דאָס איז געווען אַ איחנעאומאָן *), וואָס לויט זיין פעל און וועדעל איז ער עהנליך געווען צו אַ קליינער קאַץ, נאָר מיט דער פאָרם פון זיין קאָפּ און מיט זייגע זייטען האָט ער גיכער דערמאָהנט אַ וויעזעל. אויגען האָט ער געהאַט בלייך־ראָזיגע, און אַזוי איז אויך געווען דאָס שפּיצעל פון דעם אונרוהיגען נעזעל; ער האָט געקאָנט קלעטערן, וואו איהם האָט זיך פערוואָלט, מיט וועלכער עס איז פון די פאָדערשטע אָדער הינטערשטע לאַפּקעס אָהן אונטערשייד; ער האָט געקאָנט אָנבלאָזען דעם וועדעל אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט בעקומען די פאָרם פון אַ בערשטעל אויסצורייניגען דאָס אינערע פון אַ פלעשעל, און זיין קאַמפף־געשריי, ווען ער האָט געפאַנגען די מייז אין דעם הויכען גראָז, האָט געקלונגען: ריקקי־טיקקי־טיקקי־טיקקי־טרזק!

אין אַ געוויסען טאָג האָט די זומערדיגע וואַסער־פערפלייצונג בעגאָסען די נאָרע, אין וועלכער ער האָט געלעבט מיט די עלטערן, און האָט איהם אַוועקגעטראָגען, וועהרענד ער האָט געצאַפּעלט מיט די לאַפּקעס און זיך געשטיקט, איבער דער לענג פון דעם קאַנאַל ביי'ם וועג. אַלס ער האָט אויפ'ן וועג אָנגעטראָפען אַ שווימענדעס, נישט גרויסעס בערגעל גראָז, איז ער דערויף אַרויפגעקראָכען און געפאַלען אין חלשות. ווען ער איז צו זיך געקומען, איז ער געלעגען אונטער דער היץ פון דער זון אויפ'ן מיטען פון אַ גאָרטען־אַלעע, אין אַן אמת'דיג טרויעריגען צושטאַנד, און עפּעס אַ קליין יונגעל האָט גע־רעדט:

— אַה, דאָס איז אַ טויטער איחנעאומאָן. מען דאַרף איהם בע־גראָבען.

— ניין, — האָט די מוטער געענטפערט. — מיר וועלען איהם נעהמען און קודם כל אויסטריקענען. אפשר איז ער נאָך נישט גע־שטאָרבען אינגאַנצען.

מען האָט איהם אַריינגענומען אין שטוב, וואו עפּעס אַ מאַנס־פערזאָן האָט איהם אָנגענומען מיט צוויי פינגער און געזאָגט, אַז ער איז נישט טויט, נאָר האַלב דערשטיקט. מען האָט איהם דעריבער איינגעוויקעלט אין וואַטע און דערוואַרעמט, ביז ער האָט ענדליך געעפענט די אויגען און אַ ניעס געטהון.

---

*) אזא חיה'לע, וואס פערניכטעט שלאנגען, פרעש, מייז און אייער פון קראָקאָדילען.

— און איצט, — האָט דער מאַנספּערזאָן געזאָגט (דאָס איז געוועזן אַ ענגלענדער, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס בעזעצט אין דער ווילֶע), — שרעקט איהם נישט איבער; אָט וועלען מיר זעהן, וואָס ער וועט טהון.

עס איז נישט אַזוי לייכט איבערצושרעקען אַ איהנעאומאָן, וואָס די נייגיעריגקייט בעהערשט איהם פון נעזעל ביז'ן וועדעל. דאָס שפּרוכוואָרט פון זיין גאַנצע פאַמיליע איז: „זוך, ווערסט געפינען", און ריקקי־טיקקי האָט זיך נישט אונטערגעשיידט פון די איבעריגע איהנעאומאָנען. ער האָט בעקוקט דעם קנויל וואַטע, און אַלס ער האָט בעשלאָסען, אַז דאָס איז נישט גוט צום עסען, איז ער אַרומגעלאָפען אַרום טיש, זיך צוגעזעצט, כדי זיך אויסצוגלעטיגען דאָס פוטערל און זיך אויסצוקראַצען, און ענדליך איז ער אַרויפגעשפּרונגען דעם יונגעל אויפ'ן אָרעם.

— האָב נישט מורא, טאַדעאום, — האָט דער פאָטער געזאָגט, — דאָס איז ביי איהם אַזאַ שטייגער צו שליסען בעקאַנטשאַפט.

— אָי, ער קיצעלט מיך אונטער'ן באָרד! — האָט טאַדעאום אויסגערופען.

ריקקי־טיקקי האָט אַריינגעקוקט דעם יונגעל הינטער'ן קאָלנער, איהם אַ שמעק געטהון ביי'ם אויער, דאַן האָט ער זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד, זיך צוגעזעצט און זיך געריבען די נאָז.

— אַ ליעב בעשעפעניש'על, — האָט זיך אָבגערופען טאַדעאום'ס מוטער. — און דאָס רופט מען אָן אַ ווילדע חיה! איך רעכען, אַז ער איז אַזוי מוטיג דערפאַר, ווייל מיר זענען געוועזן גוט צו איהם.

— אַלע איהנעאומאָנען זענען אַזוי, — האָט איהר דער מאַן געענטפערט. — זאָל נאָר טאַדעאום איהם נישט ציהען פאַר'ן וועדעל און זאָל ער נאָר נישט פּרובען איהם פערשליסען אין אַ קליאַטקע, וועט ער אַרומלויפען פון פריה ביז נאַכט איבער דער גאַנצער שטוב. נאָר מען דאַרף איהם עפּעס געבען צו עסען.

ער האָט בעקומען אַ שטיקעל רויהע פליישׁ, וואָס האָט איהם זעהר גוט געשמעקט, און אַלס ער האָט געענדיגט דאָס מאָהלצייט איז ער זיך אַרויסגעגאַנגען אויף דער וועראַנדע, זיך געזעצט אויף דער זון און האָט אויסגעשטעלט שטייף זיין וואָל, כדי אויסצוטריקענען יעדעס הערעל ביז צום סאַמע וואָרצעל. דאַן איז איהם לייכטער געוואָרען.

— אין דעם דאָזיגען איינציגען הויז איז פערהאַן מעהר זאַכען

צו פאָרשען, — האָט ער געזאָגט צו זיך, — ווי מײַן גאַנצע פאַ-
מיליע האָט געקאָנט געפינען איהר גאַנץ לעבען; איך וועל דריבער
בלײַבען און וועל פאָרשען.

דעם גאַנצען טאָג איז ער אַרומגעלאָפען איבער דער שטוב.
אין די באַדע־רעהרען איז ער שיער נישט דערטרונקען געוואָרען,
אויפ'ן שרײַבטיש האָט ער זיך אײַנגעשמיערט די נאָז מיט טינט און
האָט די זעלבע נאָז אָבגעבריהט בײַ'ם עק פון אַ ציגאַר, ווען ער איז
אַרויפגעקראָכען דעם מאַנספּערזאָן אויף די קניה, כּדי אַקוק צו טהון,
ווי שרײַבט מען עס. ווי די נאַכט איז אָנגעקומען, איז ער אַרײַנגעלאָפען אין
טאַדעאוס'עס שלאָפצימער, זיך צו צוקוקען, ווי אַזוי מען צינדט אָן
אַ נאַפט־לאָמפּ, און ווען טאַדעאוס האָט זיך געלעגט שלאָפען, איז
ריקקי־טיקקי אַרויפגעקראָכען צו איהם אין בעט. נאָר ער איז געווען
אַ אונרוהיגער חבר, דען די גאַנצע נאַכט האָט ער געמוזט אויפ-
שפּרינגען בײַ יעדען מינדעסטען געראַוש, און אויספאָרשען, פון
וואַנען עס נעהמט זיך. ווען טאַדעאוס'עס עלטערן זענען געקומען אַקוק
טהון אויף איהם דאָס לעצטע מאָל פאַר'ן שלאָפען געהן, האָבען זיי
געטראָפען ריקקי־טיקקי'ן ליגענדיג וואַך אויף דער קישען.

— דאָס געפעלט מיר כּלל נישט, — האָט טאַדעאוס'עס מוטער
געזאָגט. — ער וועט מיר נאָך אַ בּיס טהון דאָס יונגעל.

— קײנמאָל אין לעבען, — האָט דער פאָטער געענטפערט. —
מיט דעם דאָזיגען קלײנינקען בעשעפענישעל איז טאַדעאוס זיכערער,
ווי עס וואָלט איהם אָבגעהיט אַ שפּירהונד. זאָל זיך נאָר איצט
אַרײַנגנב'נען אין צימער אַ שלאַנג...

נאָר טאַדעאוס'עס מוטער האָט אפילו נישט געוואָלט הערען
אַזעלכע שרעקליכע זאַכען.

אויף צו מאָרגענס אין דער פריה איז ריקקי־טיקקי געקומען
אויף דער וועראַנדע צו'ם פריהשטיק, זיצענדיג אויף טאַדעאוס'עס
אָרעם; מען האָט איהם געגעבען אַ שטיקעל באַנאַן און צוויי געקאָכטע
אײער, און ער האָט זיך איבערגעזעצט פון אײן פּאָר קניה אויף
דער צווייטער, דען יעדער גוט־ערצויגענער איחנעאומאָן ריכט זיך
שטענדיג דערויף, אַז ער וועט ווערען אַ הויז־איחנעאומאָן און וועט
קאָנען אַרומלויפען איבער די צימערן, און נאָך אַ צײַט פריהער
האָט ריקקי־טיקקי'ס מוטער (וועלכע האָט אַמאָל געוואָהנט אין גע-
נעראַל'ס הויז אין סעגאָולי) איהם זאָרגפעלטיג אויסגעלערנט אַלץ,

וואס ער האט צו טהון, אויב ער וועט בעגעגענען ווייסע מענשען.

דערנאך האט ריקקי־טיקקי זיך געלאזט געהן אין גארטען, אום צו זעהן אליך, וואס דארט איז דא צו בעקוקען. דאס איז געווען א גרויסער גארטען, וואס נאר א העלפט פון איהם איז בעארבייט געווארען, פול מיט שטרויכען פון מארעשאל־ניעל־ראזען, וואס זענען געווען גרויס ווי אלטאנען, בעוואקסען מיט לינדען־און פאמע־ראנצען־בוימער, מיט קוסטעס פון באמבוסען און מיט געדיכטע גרויסע גראזען.

— אן'אויסגעצייכענט ארט פאר יאגד, — האט ריקקי־טיקקי געזאגט, זיך בעלעקענדיג, און מיט א אנגעבלאזענעם וועדעל ווי א בערשטעל האט ער אנגעהויבען ארומלויפען איבער'ן גארטען אין אלע ריכטונגען, שמעקענדיג ארום און ארום. פלוצלונג האבען איהם דערגרייכט עפעס יאמערנדע שטימען פון א דארנשטרויך.

דאס איז געווען דארזי, דער שניידער־פויגעל, מיט זיין ווייב. דאס פראכטפולע נעסט, וואס זיי האבען זיך אויפגעבויט פון צוויי גוואלדיגע בלעטער, וועלכע זענען ביי די ברעגען געווען צוזויפגע־נעהט מיט האליך־פעדעם און אויסגעבעט פון אינוועניג מיט וואטע און וייכען פוך, האט זיך בעוועגט אהין און אהער, און זיי זענען געזעסען אויפ'ן קאנט און האבען געקלאגט.

— וואס איז געשעהן? — האט ריקקי־טיקקי געפרעגט.

— מיר זענען זעהר אונגליקליך, — האט דארזי געענטפערט. — איינס פון אונזערע קליינווארג איז נעכטען ארויסגעפאלען פון נעסט און נאג האט עס אויפגעפרעסען.

— הם, — האט ריקקי־טיקקי געזאגט, — דאס איזווירקליך א גרויס אונגליק.... נאר איך בין דא א אויסלענדער: ווער איז ער עס דער דאזיגער נאג?

אנשטאט א ענטפער האבען דארזי מיט'ן ווייב זיך בעהאלטען אין נעסט, דען פונ'ם געדיכטען גראז אונטער'ן סאמע שטרויך האט זיך דערהערט א טויבעס צישען, און פון דעם דאזיגען קלאנג, וואס האט געמאכט פריערען דאס בלוט, איז ריקקי־טיקקי אבגעשפרונגען שטארקע צוויי פוס אויף הינטען. דאן האט זיך א צאל נאך א צאל אנגעהויבען ארויפצוהויבען אויפ'ן גראז דער קאפ און דער ברייטער קאלפאק פון נאג'ן, א גרויסע שווארצע ברילענשלאנג, וואס האלט פון דעם שטעכענדיגען שפיץ ביז'ן וועדעל אמוועניגסטענס פינף

סוף אין דער לענג. אויפהויבענדיג אַ דריט־חלק פון איהר קערפּער איבער דער ערד, האָט זיך די שלאַנג בעוועגט אויף רעכטס און אויף לינקס און האָט געוואָרפען אויף ריקקי־טיקקי׳ן די גרויזאַמע בליקען, וועלכע פערענדערן קיינמאָל נישט זייער אויסדרוק, מעגען די געדאַנקען פון דער שלאַנג זיין, וואָס זיי זענען.

— ווער איז נאַג ?— האָט ער געזאָגט. — איך בין נאַג. דער מעכטיגער און גוטער גאָט בראַהאַמאַ האָט אַרויפגעשטעמפּעלט דעם דאָזיגען פלעק אויף אונזער גאַנצען שטאַם אין דער מינוט, ווען די ערשטע ברילענשלאַנג האָט אויסגעשפּרייט איהר קאַלפּאַק, כדי ער זאָל זי בעשיצען, ווען זי שלאָפט, פאַר דער זון. קוק און ציטער!

ער האָט אויסגעברייטעט מעהר ווי געוועהנליך זיין קאַלפּאַק, אויף וועלכען ריקקי האָט דערזעהן אַ גלאַנציגען צייכען פון ברילען, וואָס עס איז גיכער ענהליך צו אַ האַטשיק. ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע דערשראָקען, אָבער נאָר אויף אַ ווײַלע, דען די איהנעאומאָנען קאָנען זיך נישט לאַנג שרעקען, און האָטש ריקקי־טיקקי האָט נאָך פאַר דעם קיינמאָל נישט געזעהן קיין לעבענדיגע ברילענשלאַנג, דאָך האָט איהם זיין מוטער נישט איין מאָל געשפּייזט מיט זייער קערפּער, און ער האָט געוואוסט, אַז די איינציגע אויפגאַבע פון אַ דערוואַקסענעם איהנעאומאָן איז צו קעמפּפען מיט די שלאַנגען און זיי אויפצופרעסען. נאַג האָט דאָס אויך געוואוסט און אין דער טיפענייש פון זיין אייזקאַלטען האַרץ האָט ער דערפיהלט אונרוהע.

— פון דעסטוועגען, — האָט ריקקי־טיקקי געזאָגט, אויפהויבענדיג דעם וועדעל, — מיט אַ פלעק, צי אָהן אַ פלעק, צי מיינסטו, אַז דו מעגסט אויפפרעסען פויגעלעך, וואָס פאַלען אַרויס פון די נעסטער?

נאַג האָט זיך פערשטעלט, ווי ער וואָלט געוועזען פערטראַכט, נאָר ער האָט בעטראַכט די מינדעסטע בעוועגונגען אין גראָז הינטער ריקקי־טיקקי׳ן. ער האָט געוואוסט, אַז די אַנוועזענהייט פון אַ איהנעאומאָן אין גאָרטען בעדייט פריהער אָדער שפּעטער — זיין טוידט און דעם טוידט פון זיין גאַנצער פאַמיליע, דעריבער האָט ער געוואָלט איינשלעפערן ריקקי־טיקקי׳ס וואַכזאַמקייט. ער האָט דעריבער עטוואָס אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און איהם פערבייגענדיג אויף אַ זייט האָט ער זיך אָבגערופען:

— לאָמיר זיך דורכשמועסען. עס איז דאָך בעוואוסט, אַז

דו עסט אויף אייער; פאַרוואָס׳זשע זאָלען מיר נישט טאָרען אויסעסען פויגעלעך?

— צוריק! קוק זיך אום הינטער זיך! — האָט דאַרזי אויסגעזונגען.

נאָר ריקקי־טיקקי האָט נישט פערלאָרען קיין צייט אויף אויסצוגלאָצען די אויגען. ער האָט אַ שפרונג געטהון אין דער הויך, ווי ער האָט נאָר געקאָנט העכער, און דאָ גלייך אונטער איהם האָט זיך דורכגערוקט דער קאָפּ פון נאַגאַינאַ, נאַג׳ס גרויזאַמע ווייב. זי האָט זיך געהאַט צוגעצויגען צו איהם פון הינטען אין דער מינוט, ווען ער האָט געשמועסט, און געוואָלט איהם צורעכט מאַכען מיט אַ מאָל, און איצט האָט זי ווילד געצישט, פון בייזקייט, וואָס איהר איז דאָס נישט געלונגען. ריקקי־טיקקי איז אַראָבגעפאַלען כמעט פּאָפּערעק איהר רוקען, און ווען ער וואָלט געווען ערפאַהרענער, וואָלט ער געוואוסט, אַז דאָס איז די גינסטיגסטע מינוט צו צעשמעטערן איהר רוקען מיט איין ביס. נאָר ער האָט זיך דערשראָקען פאַר דאָס שרעקליכע דרעהען זיך פון דער ברילענשלאַנגס וועדעל. ער האָט אַפילו יאָ אַ ביס געטהון, נאָר נישט גענוג און איז גלייך אַוועקגעשפרונגען פון איהר זיך־פלעכטענדען וועדעל, איבערלאָזענדיג נאַגאַינע׳ן אַ צעקאַליעטשעטע און אַ אונזיניגע פאַר צאָרן.

— מיאוס׳ער שלעכטער דאַרזי! — האָט נאַג אויסגערופען און האָט אַרומגעפלאָכטען זיין וועדעל ווי מעגליך העכער צו׳ם נעסט־צו אַרום דעם דאָרנשטרויך, נאָר דאַרזי האָט זיין נעסט אויסגעבויט אַזוי הויך, אַז די שלאַנגען זאָלען איהם נישט קאָנען דערגרייכען, און דעריבער האָט זיך עס נאָר געוואַקעלט אַהין און אַהער.

ריקקי־טיקקי האָט דערפיהלט, אַז די אויגען ווערען איהם רויט און ברענען ווי פייער, און דאָס איז ביי אַ איכנעאומאָן אַ צייכען פון גרויסען צאָרן; ער האָט זיך געזעצט אויף די הינטערשטע פיס און אויפ׳ן וועדעל, אַזוי ווי אַ קליינער קאַנגור, און האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום און אַרום, קריצענדיג מיט די צייהן פאַר כעס. נאָר נאַג און נאַגאַינע זענען פערשוואונדען געוואָרען אין געדיכטען גראָז. ווען אַ שלאַנג טרעפט נישט, ווי זי האָט געוואָלט, וועט זי קיינמאָל גאָרנישט זאָגען און וועט מיט קיין צייכען נישט אַרויסגעבען איהרע פּלענער. ריקקי־טיקקי האָט אויך נישט געקלערט זיי נאָכצויאָגען, דען ער האָט נישט געטרויט זיינע קרעפטען, כדי ער זאָל זיך קאָנען אַרויס־

וואַרפען אויף צווי שלאַנגען גלייכצייטיג. ער איז דעריבער אַרומגעקראָכען איבער דער גאָרטען־אַלעע, וואָס איז געוועזען בעשאָטען מיט זאַמד־שטיינער, דאַן האָט ער זיך צוגעזעצט נעבען הויז און זיך פערטראַכט. דאָס איז געוועזען פאַר איהם אַ פראַגע פון אונגעהויערער וויכטיגקייט.

ווען איהר וואָלט איינגעקוקט אין די אַלטע ווערק פון נאַטורגעשיכטע, וואָלט איהר אין זיי געלייענט, אַז אַ איכנעאומאָן, וואָס איז פערוואונדעט געוואָרען אין קאַמפף מיט אַ שלאַנג, לויפט זוכען אַ געוויסען גראָז, וואָס היילט איהם אויס. נאָר דאָס איז נישט אמת. דער זיעג איז דאָ אַנבעלאַנגט נאָר אָן די פלינקשאַפט פון בליק און פון די פיס — די געשיקטהייט פון דער שלאַנגס קאָפּ קאָנקורירט דאָ מיט דער פלינקשאַפט פון דעם איכנעאומאָנ'ס שפרונגען; און אַזוי ווי עס איז נישטאָ אַזאַ בליק, וואָס זאָל קאָנען אויפהאַפּען אַלע קאָפּ־בעוועגונגען פון דער אָנפאַלענדער שלאַנג, דעריבער האַנדעלט זיך וועגען אַ פיעל וואונדערבאַרערע זאַך, ווי עפּעס אַ צויבער־גראָז. ריקקי־טיקקי האָט געוואוסט, אַז ער איז נאָך אַ יונגער איכנעאומאָן, און ער איז געוועזען זעהר צופריעדען מיט זיך, וואָס ער האָט אַזוי קונציג זיך אַרויסגעדרעהט פון דעם אָנפאַל אויף איהם פון הינטען. דאָס האָט איהם אָנגעפילט מיט צוטרויען צו זיינע אייגענע קרעפטען, און ווי ער האָט דערהערט, אַז טאַדעאוס לויפט דורך דער אַלעע, האָט ער זיך צוגעגרייט צו בעקומען די פערדיענטע לאַסקע.

נאָר קוים איז טאַדעאוס פאַר איהם געבליבען שטעהן, ווי עפּעס אַ קליינס האָט זיך אַ דרעה געטהון אין זאַמד און אַ שוואַכענקע שטימעלע האָט אַ שעפּטשע געטהון:

— היט דיך, דען איך טראָג טויט!

דאָס איז געוועזען קאַראַיט, אַ קליינע שלאַנג פון זאַמד־קאָליר, וואָס האָט ליעב זיך צו בעהאַלטען אין זאַמדיגער ערד. איהר ביס איז אויך אַזוי גיפטיג, ווי דער ביס פון דער ברילענשלאַנג, נאָר אַזוי ווי זי איז זעהר קליין, דעריבער היט זיך קיינער נישט פאַר איהר, און דעריבער מאַכט זי מענשען אָן פיעל מעהר שאָדען.

ביי ריקקי־טיקקי זענען ווידער רויט געוואָרען די אויגען און ער האָט זיך אַרויס געטהון צו קאַראַיט'ן, זיך וואַקלענדיג און איבערבויגענדיג מיט די בעוועגונגען, וואָס זענען איהם צוגעאייגענט, ווייל דער גאַנצער שטאַם פון די איכנעאומאָנען האָט זיי בירושה. דאָס

זעהט אוים זעהר לוסטיג, נאר דאך האט די דאזיגע בעוועגונג אזוי פיעל גלייכגעוויכט, אז די ענדערונג פון דער ריכטונג, אליץ איינס אין וועלכער זייט, קאן אויסגעפיהרט ווערען אין איין אויגענבליק, און בשעת מען האט צו טהון מיט שלאנגען איז אזא זאך א גרויסע מעלה. דער קאמפף מיט קאראיט׳ן, און דאס האט ריקקי־טיקקי נישט געוואוסט, איז געווען פיעל געפעהרליכער ווי מיט נאג׳ן, דען קאראיט איז אזוי קליין און אזוי געשיקט, דאס ווען ריקקי וואלט איהם נישט געהאפט פאר אמאל מיט די צייהן פאר׳ן קארק וואס נעהנטער צו׳ם קאפ, וואלט ער געקאנט זיך אומדרעהען און איהם א ריס טהון אין אויג אדער אין האלז. נאר ריקקי האט זיך דאס נישט בערעכענט און מיט פייערדיגע אויגען, וואקלענדיג זיך פון הינטען אויף פארענט, האט ער אויסגעקוקט דעם פאסיגסטען ארט אויף אריינצוזינקען אין איהם די צייהן. פלוצלונג האט קאראיט זיך אווארף געטהון פארווערטס. ריקקי איז אפגעשפרונגען אויף א זייט און געפרובט ארויפפאלען אויף איהם פון דער הויך, נאר דער בייזער קליינער פערשטויבטער קאפ האט א צישע געטהון פאר זיין סאמע ארעם, און ריקקי האט דעריבער געמוזט אריבערשפרינגען איבער דער שלאנגס קערפער, דען ער האט געפיהלט, אז איהר קאפ קריעכט איהם שוין נאך די פיאטעס.

טאדעאוס האט אויסגערופען צו דער שטוב־צו:

— קומט נאר א קוק טהון! אונזער איהנעאומאן הרג׳עט א שלאנג!

עס האט זיך דערהערט א געשריי פון טאדעאוס׳עס מוטער; דער פאטער איז ארויסגעלאפען מיט א שטעקען אין דער האנד, נאר איידער ער איז צוגעגאנגען, האט זיך קאראיט ארויסגעשטעקט אויף איין צאל צו וויט, ריקקי־טיקקי איז איהם ארויפגעשפרונגען אויפ׳ן קארק, און אויסציהענדיג דאס מארדעלע צווישען די פאדערשטע פיסלעך האט ער איהם א ביס געטהון ווי העכער ער האט נאר געקאנט דערגרייכען, דערנאך האט ער זיך אראפגעלאזט אויף א זייט. דער ביס האט קאראיט׳ן געמאכט אהנמעכטיג, און ריקקי־טיקקי האט זיך שוין געוואלט נעהמען איהם אויפצופרעסען, אנהויבענדיג פון וועדעל, לויט ווי עס פיהרט זיך צו׳ם מיטאג ביי זייער שטאם, נאר צו דער צייט האט ער זיך דערמאהנט, אז א פעטער מאלהלצייט מאכט שווער דעם קערפער, און אזוי ווי איהם איז נויטיג געווען זיין גאנצע קראפט

און גע‏שיקטהייט, דעריבער האָט ער זיך געמוזט צווינגען צו זיין איינגעהאַלטען.

ער איז אַוועקגעגאַנגען זיך אויסריי‏בען אין זאַמד, און טאַדעאוס'עס פאָטער האָט נאָך צוגעלעגט מיט'ן שטעקען דעם גע'פגר'טען קאַראַיט.

— צו וואָס האָט דאָס איהם געלוינט ?— האָט ריקקי־טיקקי געקלערט. — דוכט זיך, איך האָב געטהון אַלץ, וואָס נויטיג איז.

דאַן האָט טאַדעאוס'עס מוטער איהם אויפגעהויבען פון זאַמד, און טולענדיג איהם צו דער ברוסט, האָט זי געזאָגט, אַז ער האָט טאַדעאוס'ען גערעטעט דאָס לעבען, דער פאָטער האָט איהם אָנגערופען: שליח פון גאָט, און טאַדעאוס האָט אויף איהם געקוקט מיט ברייט־געעפענטע אויגען פאַר שרעק. ריקקי־טיקקי'ן האָט די דאָזיגע גאַנצע אָוואַציע לוסטיג געמאַכט, דען ער האָט איהר בעדייטונג נישט פערשטאַנען. די מוטער האָט אויך אַזוי גוט געקאָנט אַ גלעט טהון דאָס יונגעל דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געשפּיעלט אין זאַמד. ריקקי־טיקקי איז געווען צופריעדען מיט זיך.

אין אָבענד, ביי'ם אָבענד־ברויט, ווען ער איז זיך אַרומגעגאַנגען איבער דעם געדעקטען טיש צווישען די גלעזעלעך, וואָלט ער זיך געקאָנט אָנזעטיגען מיט אויסגעצייכענטע נאַשעריי'ען דריי מאָל מעהר, ווי ס'איז איהם נויטיג געווען, ווען ער וואָלט נישט געמוזט געדענקען וועגען נאַג'ן און נאַגאַינ'ען; האָטש עס איז איהם דערנאָך געווען אַנגענעהם צו בעקומען לאַסקעס און געגלעט צו ווערען דורך טאַדעאוס'עס מוטער, זיך אַריבער זעצען אויף טאַדעאוס'עס אָרעם, דאָך האָבען איהם די אויגען גענומען ברענען צייטענווייז און פון האַלז האָט זיך איהם אַרויסגעריסען אַ לאַנגער קאַמפּס־אויסשריי: ר י ק ק־ט י ק ק־ט י ק ק י־ט ר ז ק!

טאַדעאוס האָט איהם אַריינגענומען צו זיך אין בעט און פערלאַנגט, ער זאָל שלאָפען אונטער זיין סאַמע קינבאַק. ריקקי־טיקקי איז געווען צו גוט ערצויגען, דאָס ער זאָל קראַצען אָדער בייסען, נאָר קוים איז טאַדעאוס איינגעשלאָפען, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אויף די נאַכט בעקוקעניש אַרום הויז, און אין דער פינסטערניש האָט ער זיך אָנגעשלאָגען אָן הוהונדרען, די בּיזאַם־ראַטע, וועלכע גנבה'ט זיך איבער די ווענד. הוהונדרע איז אַ קליין בעשעפעניש'על מיט אַ שרעקעדיג האַרץ. גאַנצע נעכט קלאָגט זי זיך און קריכט אַרום, בעמיהט

זיך צו מאַכען זיך מוט אַרויסצוגעהן אויפ'ן מיטען צימער, נאָר סוף כל סוף וואַגט זי דאָס ניִשט.

— טויט מיך ניִשט, — האָט חוהונדרע אויסגעקרעכצט אַ האַלב מיט געוויין.— טויט מיך ניִשט, ריקקי־טיקקי!

— וואָס פאַלט דיר איין אין קאָפּ? אַ שלאַנגען־בעזיעגער וועט טוידטען ביזאַם־ראַטען? — האָט ריקקי־טיקקי געענטפערט מיט פער־אַכטונג.

— ווער עס קעמפּפט מיט שלאַנגען, דעם וועלען שלאַנגען טויד־טען,— האָט חוהונדרע געענטפערט נאָך מיט מעהר רחמנות.— ווער קאָן מיר ערב זיין, אַז נאַג וועט אין דער פינסטערער נאַכט ניִשט אָננעהמען מיך פאַר דיר?

— וועגען דעם האָסטו גאָרניִשט וואָס מורא צו האָבען,— האָט ריקקי־טיקקי געזאָגט. — דוכט זיך, אַז נאַג איז אין גאָרטען, און דו, אויף וויפיעל איך ווייס, געהסטו קיינמאָל ניִשט אַהין.

— נאָר מיין פריינד, די ראַטע חוא, האָט מיר געזאָגט, אַז... — האָט חוהונדרע אָנגעהויבען, נאָר פּלוצלונג האָט זי איבערגעהאַקט.

— אַז וואָס?

— שאַ! נאַג איז דאָ אומעטום, ריקקי־טיקקי. אַ שאָד, וואָס דו האָסט ניִשט געשמועסט אין גאָרטען מיט חוא'ן.

— נאָר איך האָב דאָך שוין ניִשט געשמועסט, און דע־ריבער וועסטו מיר זאָגען, אין וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ. גיבער, חוהונדרע, דען איך וועל דיר אַ ביס טהון!

חוהונדרע האָט זיך אַנידערגעזעצט און זיך צעוויינט, אַוש די טרעהרען זענען איהר אַראָבגערונען איבער די וואָנסעס.

— אָ, ווי אונגליקליך איך בין, — האָט זי אויסגערופען. — איך קאָן ניִשט פועל'ן ביי זיך דורכצוגעהן דורכ'ן מיטען צימער. ששש! איך ברויך שוין גאָר ניִשט רעדען. צי הערסטו ניִשט, ריקקי־טיקקי?

ריקקי־טיקקי האָט אָנגעשטרענגט דאָס געהער. אין הויז האָט געהערשט אַ פאָלשטענדיגע שטילקייט, און דאָך האָט זיך איהם געדוכט, אַז ער הערט עפּעס אַ אונערגרייפבאַרען גערויש, עפּעס אַזוי ווי דאָס רוישען פון אַ וועספּע, וואָס געהט איבער דער שויב— אַ גערויש, וואָס איז געקומען דאַדורך, וואָס שלאַנגען־שופּען האָ־בען זיך געריבען אָן דער וואַנד.

— אָהאָ! דאָס סטאַרעט זיך נאַג אָדער נאַגאַינע זיך אַריינצוציהען

דורך דער רינע אין דעם באדע-צימער. דו ביזט געדעכט, הוהונדרע, מען מוז זיך דורכשמועסען מיט הוא'ן.

ער האט זיך אריינגעגליטשט אין טאדעאוס'עס וואנע, און אזוי ווי ער האט דארט קיינעם נישט געטראפען, איז ער אריין אין דער מוטערס באדע-צימער. דארט איז אין דעם אונטערשטען טייל פון דער גלאטער אויסגעטינכטער וואנד געווען געמאכט א לאך אויף ארויסצולאזען דאס וואסער. ריקקי-טיקקי האט זיך געשטעלט ביי דעם אונטערגעמויערטען ארט, אויף וועלכען עס איז געשטאנען די וואנע, און ער האט דערהערט, ווי אויסענווייניג, ביים שיין פון דער לבנה, האבען נאג און נאגאינע זיך געסוד'עט.

— ווי באלד נאר דאס הויז וועט בלייבען אהן מענשען, — האט נאגאינע גערעדט צו איהר מאן, — וועט ער אויך זיין געצוואונגען זיך צו ערווייטערען, און מיר וועלען ווידער ווערען די הערען פון גארטען. געה דיר פארזיכטיג און געדענק, אז קודם כל מוזטו א ביס טהון דעם מאנספערזאן, וועלכער האט געטוידט קאראיט'ן. ווען דו וועסט צוריקקעהרען און וועסט דערצעהלען, וואס איז געשעהן, וועלען מיר צוזאמען מאכען די יאגד אויף ריקקי-טיקקי'ן.

— צי ביזטו נאר זיכער, אז דאס טוידטען די מענשען וועט עפעס צונייץ קומען? — האט נאג געזאגט.

— אונבעדינגט. צי בשעת אין הויז זענען קיין מענשען נישט געווען, האבען מיר דען געהאט אפילו איין איהנעאומאן אין גארטען? כל זמן דאס הויז שטעהט לעער, זענען מיר די הערשער איבער'ן גארטען, און פערגעס נישט וועגען דעם, אז אונזערע אייער אין די מעלאנען-בייטען וועלען זיך א לאדע טאג אויספיקען, און אונזערע קינדער וועלען מוזען האבען ארט און רוהע.

— איך האב וועגען דעם נישט געקלערט, — האט נאג געענטפערט. — געה איך, הייסט עס, נאר מיין מיינונג איז, אז די יאגד אויף ריקקי-טיקקי'ן וועט שוין זיין אינגאנצען איבעריג. איך וועל טוידטען דעם מאנספערזאן און זיין ווייב, און אויב איך וועל קאנען — אויך דאס קינד, און דערנאך וועל איך רוהיג צוריקקומען. דאן וועט דאס הויז ווערען לעער און ריקקי-טיקקי וועט זיך אוועקגעהן.

דערהערענדיג דאס האט ריקקי-טיקקי אזש א ציטער געטהון פון פיינדשאפט און צארן, אלס פלוצלונג האט זיך דורך דער לאך אריינגעשטעקט נאג'ס קאפ, און גלייך נאך איהם — זיין פינף-פיס-

לאַנגער גליטשיגער קערפּער. טראָץ זײַן גאַנצען צאָרן, איז ריקקי־טיקקי דערציטערט געוואָרען, דערזעהענדיג די געוואַלדיגע גרויס פון דער ברילען־שלאַנג. די שלאַנג האָט זיך איינגעדרעהט, אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט אין פינסטערען צימער, און ריקקי האָט נאָכגעשפּירט איהרע גלאַנציגע אויגען־פּופּילען.

— אויב איך וועל איהם טוידטען אויף דעם אָרט, וועט זיך נאַגאַינע וועגען דעם דערוויסען; אויסער דעם, קעמפּפענדיג אויף אַ לעערער פּאָדלאָגע, וועל איך איהם געבען די אויבערהאַנד איבער מיר. וואָס זשע הויבט מען אָן?— האָט ריקקי געזאָגט צו זיך.

נאַג האָט זיך געוואַקעלט אויף רעכטס און אויף לינקס, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ריקקי־טיקקי דערהערט, אַז ער האָט אָנגעהויבען טרינקען פון דעם גרעסטען קרוג, וואָס מיט איהם האָט מען אָנגעגאָסען די וואַנע.

— אויסגעצייכענט,— האָט די שלאַנג געזאָגט.— און איצט, לאָמיר זיך מישב זײַן. דער מאַנספּערזאָן, ווען ער האָט געטוידט קאַראַיט'ן, האָט געהאַלטען אַ שטעקען אין האַנד. מעגליך, אַז ער האַלט איהם אויך איצט, נאָר ווען ער וועט אין דער פריה זיך קומען באָדען, וועט ער דעם שטעקען מיט זיך נישט האָבען. איך וועל דעריבער אונטערוואַרטען אויף איהם דאָ, ביז ער וועט קומען. נאַגאַינע, דו הערסט? איך וועל דאָ אָבוואַרטען אין דער קעלט ביז אין דער פריה.

פון אויסענווייניג האָט זיך קיין ענטפער נישט געהערט, און דערפון האָט ריקקי־טיקקי פערשטאַנען, אַז נאַגאַינע איז אַוועקגעגאַנגען. נאַג האָט זיך אַרומגעפלאָכטען אָן עטליכע רונגען אַרום דעם בולט'ען דנאָ פון קרוג, און ריקקי־טיקקי האָט געלויפט אונבעוועגליך, ווי אַ מת.

ערשט אין אַ פערלויף פון אַ שטונדע אַרום האָט ער זיך אָנגעהויבען אַרויסצורוקען מיט אַ אונגעהערטער פאָרזיכטיגקײַט צום קרוג. נאַג איז איינגעשלאָפען, און ריקקי האָט זיך צוגעקוקט צו זײַן דיקען קאַרק, אויסזוכענדיג דעם פּאַסיגסטען אָרט אַ ביס צו טהון.

— אויב איך וועל איהם נישט צערײַבען דעם רוקען בײַ'ם ערשטען שפּרונג,— האָט ער געטראַכט,— וועט ער זיך נאָך קאָנען פערטיידיגען, און דאַן וועה צו דיר, ריקקי!

ער האָט אויסגעפאָרשט די דיקהײַט פון האַלז נידעריגער פון

קאָלפּאַק, נאָר דאָס האָט זיך איהם אויסגעוויזען צו דיק, און אַ ביסעל נעהנטער צום ווערעל, וואָלט עס נאַג'ן געקאָנט נאָר צערייצען.

— מען וועט איהם מוזען האַפּען פאַר'ן קאָפּ,— האָט ער ענדליך געזאָגט,— און טאַקי העכער פון קאָלפּאַק. און קוים וועל איך שוין אָנהאַפּען, טאָר מען איהם נישט אָבלאָזען.

און ער האָט אַ שפּרונג געטהון. דער שלאַנגס קאָפּ איז עטוואָס אָבגעשטאַנען פון דעם קרוג, און ווען ריקקי האָט זיך איינגעוויגט מיט די צייהן אין דער שלאַנגס האַלז, האָט ער געקאָנט אָנשפּאַרען דעם גאַנצען קערפּער אויף דעם בויכיגען טייל פון לייהמענעם קרוג, צודריקענדיג דעם געגנערס קאָפּ צו דער ערד. דאָס האָט איהם אויף איין סעקונדע געגעבען די אויבערהאַנד, און ער האָט די דאָזיגע סעקונדע אויסגענוצט ווי ער האָט נאָר געקאָנט בעסער. נאָר שוין אין דעם צווייטען אויגענבליק, אַזוי ווי אַ הונד שליידערט אַרום אַ ראַטע, אַזוי האָט די שלאַנג איהם געוואָרפען איבער דער פּאָדלאָגע אויף אַלע זייטען, אַרויף און אַראָב, מאַכענדיג גוואַלדיגע קרייזען; נאָר ריקקי־טיקקי'ס אויגען האָבען נישט אויפגעהערט אַלץ מעהר רויט צו ווערען, און ער האָט זיך פעסט געהאַלטען אָן קערפּער, וואָס האָט ווי אַ בייטש געשמיסען די פּאָדלאָגע, פאַנאַנדערוואַרפענדיג אויף אַלע זייטען דאָ דעם צינענעם שעפער, דאָ דאָס זייףקעסטעל, דאָ דאָס בערשטעל, און פויקענדיג איבער די בלעכענע וואַנד פון דער וואַנע. זיך אַזוי האַלטענדיג, האָט ער צונויפגעדריקט די צייהן אַלץ שטאַרקער, דען ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט צעשמעטערט ווערען אויף טויט, און כדי נישט צו פערשוועכען די עהרע פון גאַנצען שטאַם האָט ער געוואָלט שטאַרבען מיט איינגעזונקענע צייהן אין פיינד. ער האָט שוין געפיהלט קאָפּ־פערדרעהעניש און אַזאַ וועהטאָג, אַז ער האָט געמיינט, דאָס ער וועט צעפאַלען אויף שטיקער, אַלס פּלוצלונג האָט סאַמע הינטער איהם זיך דערהערט עפּעס ווי אַ זעץ פון אַ דונער; אַ הייסער הויך האָט איהם דעם זינען בערויבט, און פון דעם רויטען פלאַם האָט זיך די וואָל אויף איהם אָנגעהויבען ברענען. דאָס האָט דער מאַנספּערזאָן, וואָס האָט זיך אויפגעהאַפּט דורכ'ן גערויש, אויסגעשאָסען פון ביידע רעהרען פון אַ פּיסטאָלעט אין נאַג'ן, ציעלענדיג זיך ניעדריגער פון קאָלפּאַק.

ניִשט אויפמערקזאַם, אָבער ניט אויפעפענענדיג די אויגען, האָט ריקקי־טיקקי ניט אויפגעהערט צו דריקען פעסט מיט די ציינער, דען איצט האָט ער זיך שוין זיכער געהאַלטען פאַר געשטאָרבען; נאָר דער קאָפּ פון שלאַנג האָט זיך שוין מעהר ניט בעוועגט, און דער מאַנספּערזאָן האָט איהם גענומען אויף די הענד, רעדענדיג.

— און ווידער אַמאָל דער איהנעאומאָן, אַליסע; דאָס מאָל האָט זיין פּרעסערל אונז געראַטעוועט דאָס לעבען.

טאַדעאוס׳עס בלאַס־געוואָרענע מוטער איז צוגעגאַנגען, בעקוקענדיג נאַג׳ס קערפּער, און ריקקי־טיקקי האָט זיך דערשלעפּט ביז דעם יונגעלס שלאָפצימער און האָט די רעשט נאַכט פערבראַכט מיט אויספאָרשען דעליקאַט זיין גאַנצען קערפּער, כדי זיך איבערצייגען, צי איז ער ווירקליך צעהאַקט געוואָרען אויף פיערציג שטיקלעך, ווי איהם האָט זיך אויסגעדוכט.

דער פריהמאָרגען האָט איהם געטראָפען אַ אויסגעמאַטערטען, נאָר פול צופריעדענהייט מיט די אָפּגעטהוענע טהאַטען.

— איצט, — האָט ער געזאָגט, — מוז איך צורעכט מאַכען נאַגאַינע׳ן, און דאָס איז אַביסעל שווערער ווי צו קעמפען מיט פינף נאַגען, און דערצו נאָך איז ניט בעוואוסט, ווען וועלען זיך אויספּיקען די אייער, וועגען וועלכע זי האָט דערמאָהנט. געוואַלד! מען מוז זיך זעהן מיט דאַרזי׳ן!

ניט וואַרטענדיג אויף פריהשטיק איז ריקקי־טיקקי אַרויסגעלאָפען צום דאָרן־שטרויך, אויף וועלכען דאַרזי האָט מיט׳ן גאַנצען האַלז געזונגען אַ זיעג־ליעד. די ידיעה וועגען נאַג׳ס טויט האָט זיך פערשפּרייט איבער׳ן גאָרטען, דען דער אויסקעהרער האָט דעם טויטען קערפּער אַרויסגעוואָרפען אויפ׳ן מיסט.

— דו אונפערשטענדיגער פעדערן־קנויל, — האָט ריקקי־טיקקי אויסגערופען אין צאָרן. — צי איצט איז אַ צייט אויף זינגען?

— נאַג לעבט ניט, לעבט ניט, לעבט ניט! — האָט דאַרזי אויסגעזונגען. — דער טיכטיגער ריקקי־טיקקי האָט איהם געהאַפּט פאַר׳ן קאָפּ און געהאַלטען פעסט. דער מאַנספּערזאָן האָט געבראַכט אַ דונערנדען שטעקען און נאַג איז צעפאַלען אויף צוויי שטיקער! ער וועט שוין קיינמאָל ניט אויפפרעסען מיינע עופ׳עלעך!

— דאָס אַלץ איז ניט ווייט פון אמת, נאָר וואו איז נאַגאַינע? — האָט ריקקי־טיקקי געזאָגט, קוקענדיג אַרום זיך אויפמערקזאַם.

— נאַגאַינע איז געקומען אונטער דער רינע פון באַדע־צימער און האָט גערופען נאַג'ן,— האָט דאַרזי ווייטער געזונגען,— און נאַג איז אַרויסגעקומען אויף אַ עק פון אַ שטעקען! דער אויסקעהרער האָט איהם גענומען אויף אַ עק פון אַ שטעקען און איהם אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן מיסט. לאָמיר זינגען לכבוד דעם גרויסען רויט־אויגיגען ריקקי־טיקקי!

און אָנבלאָזענדיג דאָס העלזעל, האָט דאַרזי אָנגעהויבען זינגען.

— ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט דערגרייכען צו דיין נעסט, וואָלט איך דיר אַרויסגעוואָרפען אַלע עופ'עלעך!— האָט ריקקי־טיקקי אויסגערופען.— דו פערשטעהסט קיינמאָל נישט צו טהון עפּעס אין דער פּאַסיגער צייט. זיצסט זיך רוהיג אין נעסט, נאָר דאָ אונטען, שטעהט מיר נאָך פאָר אַ קאַמפף. הער זשע אויף אַ ווײַלע צו זינגען, דאַרזי!

— צוליעב דעם גרויסען, פּראַכטפאָלען ריקקי־טיקקי וועל איך דאָס טהון, און איך הער אויף,— האָט דאַרזי געענטפערט.— אין וואָס האַנדעלט זיך עס, בעזיעגער פון דעם גרויזאַמען נאַג?

— צום דריטען מאָל פרעג איך דיך: וואו איז נאַגאַינע?

— אויפ'ן מיסט הינטער די שטעלער בעוויינט זי נאַג'ן. גרויס איז ריקקי־טיקקי מיט די שנעע־ווײַסע ציינער!

— צו אַלדי שוואַרצע יאָהר מיט מײַנע שנעע־ווײַסע ציינער! צי האָסטו נישט געהערט, וואו זי בעהאַלט איהרע אייער?

— אין די מעלאָנען־בייטען, דאָרט נישט ווײַט פון מויער, וואו די זון ברענט כמעט דעם גאַנצען טאָג. דאָרט האָט זי זיי בעהאַלטען מיט עטליכע וואָכען צוריק.

— און דיר איז קיינמאָל נישט אײַנגעפאַלען אין קאָפּ מיר צו זאָגען האָטש אַ וואָרט וועגען דעם? בײַ'ם ברעג פון גאָרטען, אונטער'ן מויער, זאָגסטו?

— נאָר דו רעכענסט דאָך נישט, ריקקי־טיקקי, אויפצועסען די אייער?

— אויפעסען, גראַדע נישט. דאַרזי, אויב דו האָסט האָטש אַ ברעקעל פערשטאַנד, פליה אַוועק צו די שטעלער, פערשטעל זיך, ווי דו וואָלסט געהאַט אַ צעבראָכען פליגעל און לאָז זיך מערפאָלגען פון נאַגאַינע'ן ביז צו דעם דאָזיגען שטרויך. איך מוז געהן צו די מעלאָנען־בייטען, און אויב איך וועל אַהין גלייך געהן, וועט זי מיך דערזעהן.

אין דעם בעפּעדערטען מוחל פון דאַרזי האָט זיך מעהר ווי איין געדאַנקען נישט געקאָנט אויסלעגען, און אַזוי ווי ער האָט געוואוסט, אַז נאַגאַינע'ס קינדער פּיקען זיך אויס פון די אייער פּונקט ווי זײַנע אייגענע, האָט זיך איהם, אין דער ערשטער מינוט אויסגעוויזען אַלס אַ עולה זיי צו פערניכטען. נאָר זײַן ווײַב איז געווען אַ קלוגער פויגעל און זי האָט פערשטאַנען, אַז פון דער בּרילענשלאַנגס אייער קומען אַרויס יונגע בּרילענשלאַנגעלעך, איז זי דעריבער אַרויסגעפלויגען פון נעסט, איבערלאָזענדיג דעם מאַן, ער זאָל וואַרעמען די עופעלעך און ווײַטער בעזינגען נאַג'ס טויט. אין פיעל הינזיכטען איז דאַרזי זעהר ענהליך געווען צו מאַנסלײַט.

זי איז צוגעפלויגען אויפ'ן מיסט גלײַך צו נאַגאַינע'ן, קרעכצענדיג:

— אַה, איך האָב אַ צעבּראָכען פליגעל! דאָס יונגעל פון הויז האָט אין מיר אַ שטיין געוואָרפען און האָט מיר צעבּראָכען אַ פליגעל!

און אַזוי קלאָגענדיג האָט זי געצאַפּעלט אין פערצווייפלונג.

נאַגאַינע האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ ציטער געטהון:

— אַ, דאָס האָסטו געוואָרנט ריקקי-טיקקי'ן, ווען איך האָב איהם געוואָלט טויטען. רעדענדיג מיט'ן אמת און אָפענהערציג, האָסטו זיך אויסגעקליבען אַ שלעכטען אָרט אויף צו הינקען.

און זי האָט זיך אַ לאָז געטהון אויף דאַרזי'ס ווײַב, זיך גליטשענדיג איבער'ן זאַמד.

— דאָס יונגעל האָט עס מיר איבערגעבּראָכען מיט אַ שטיין! — האָט דאַרזי'ס ווײַב מורא'דיג געפּישטשעט.

— דערווײַס זשע זיך אַלס טרייסט פאַר'ן טויט, אַז מיט'ן יונגעל מוז איך מיך אויך אָפּרעכענען. מײַן מאַן ליעגט פון אין דער פריה אָן אויפ'ן מיסט, נאָר איידער די נאַכט ווערט אָנפאַלען, וועט אויך דאָס יונגעלע ליעגען שטיל אין שטוב. וואָס זשע אַנטלויפסטו כּסדר? ווערסט נישט אַנטלויפען פון מיר, דערין בין איך זיכער. טהו נאָר אַ קוק אויף מיר, קליינער שוטה!

דאַרזי'ס ווײַב האָט אפילו נישט געקלערט זיך אומצוקוקען, ווײַל זי האָט געוואוסט, אַז אַ פויגעל, וואָס טהוט אַ קוק אַ שלאַנג אין די אויגען, ווערט ווי פערשטיינערט פון שרעק און קאָן זיך שוין נישט ריהרען. זי איז זיך ווײַטער אונטערגעפלויגען, קרעכצענדיג מיט רחמנות, אַלץ נאָהנט פון דער ערד, און נאַגאַינע האָט

זיך שנעל נאָכגעיאָגט נאָך איהר.

הערענדיג, ווי זי גערט שוין אַרויף אויפ'ן שטעגעל, וואָס פיהרט צו די שטעלער, האָט זיך ריקקי-טיקקי אַ לאָז געטהון אויפ'ן עק פון דער מעלאָנען-בייט אונטערן סאַמע מויער. דאָרט, אין אַ וואַרעמער אויסבעטונג, קונציג בעהאַלטען אונטער די מעלאָנען, זענען געלעגען פינף און צוואַנציג אייער, גרויס ווי די אייער פון אַ באַנ-טאַמער הוהן, אין אַ ווייסליכער פעל'כעל אַנשטאָט דעם שאָלעכץ.

— אין דער רעכטער צייט בין איך געקומען, — האָט ריקקי געזאָגט, זעהענדיג די קליינע ברילענשלאַנגען, וואָס זענען געווען איינגעדרעהט אינווענינ פון פעלכעל, און וויסענדיג, אַז ווי זיי וועלען נאָר אונטערוואַקסען, קאָן יעדער פון זיי טוידטען אַ מענשען אָדער אַ איהנעאומאָן. ער האָט ווי שנעלער אָבגעביסען די עקען פון די אייער, סטאַרענדיג זיך צו צעקוועטשען די קליינע ברילענשלאַנגען און צעוואַרפענדיג פון צייט צו צייט די אויסבעטונג, כדי ער זאָל קיין איינס נישט דורכלאָזען. ענדליך זענען געבליבען נאָך קוים דריי אייער. ריקקי-טיקקי האָט שוין אָנגעהויבען לאַכען פון צופריע-דענהייט, אַלס ער האָט פלוצלונג דערהערט אַ מורא'דיגען געשריי פון דאַרזי'ס ווייב:

— ריקקי-טיקקי! איך האָב פערפיהרט נאַגאַינע'ן אין דער זייט פון הויז! זי איז אַרויף אויף דער וועראַנדע און — אַה, קום וואָס שנעלער! זי וויל טוידטען!

ריקקי-טיקקי האָט צעקוועטשט צוויי אייער און האַפּענדיג די דריטע אין די צייהן איז ער געלאָפען דורך די מעלאָנען-בייטען צו דער וועראַנדע אַזוי שנעל, אַז זיינע לאַפּקעס האָבען כמעט נישט אָנגערירט די ערד.

אויף דער וועראַנדע איז טאַדעאוס מיט זיינע עלטערן גע-זעסען ביי'ם טיש צו'ם פריהשטיק. נאָר ריקקי-טיקקי האָט בעמערקט, אַז קיינער פון זיי האָט נישט געגעסען. זיי זענען געזעסען מיט בלאַסע געזיכטער אונבעוועגליך, אַזוי ווי שטיינער. נאַגאַינע איז געלעגען איינגעדרעהט אויף דער מאַטע נעבען טאַדעאוס'עס שטוהל און בעוועגענדיג מיט'ן קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס, האָט זי געצישט מיט טריאומף:

— מענשען-זוהן, דער מערדער פון נאַג, זיץ רוהיג. איך בין נאָך נישט בערייט. וואַרט אַ ווייַלע. ריהרט זיך נישט אַלע

דרײַ. אויב איהר װעט זיך אַ ריהר טהון, װעל איך בײַסען, אויב איהר װעט זיך נישט ריהרען, װעל איך אויך בײַסען. אָ, אונ־זיניגע, װאָס איהר האָט געטוידט מײַן נאַג׳ן!

טאַדעאוס האָט אַנגעשטעלט אַ בליק אויפ׳ן פאָטער, װעלכער האָט נאָר געקאָנט טהון דאָס, װאָס ער האָט שטילערהייד גע־רעדט אָהן אויפהער:

— זייַ רוהיג, טאַדעאוס... ריהר זיך נישט... טאַדעאוס, ריהר זיך נישט!

דעמאָלט טאַקי איז אָנגעקומען ריקקי־טיקקי און האָט אויס־געשריען:

— דרעה דיך אום, נאַגאַינע, דרעה דיך אום און — קעמפף!

— אויף אַלץ װעט קומען אַ צײַט, — האָט זי געענטפערט, נישט אומדרעהענדיג די אויגען. — איך װעל מיך באַלד אויס־רעכענען מיט דיר אויך. טהו נאָר אַ קוק אויף דײַנע פרײַנד, ריקקי־טיקקי. אונבעװעגליך זענען זיי און װײַס. זיי האָבען מורא. זיי װאַגען זיך נישט צו ריהרען, און אויב דו װעסט צוגעהן נאָך איין שריט — װעל איך אַ ביס טהון!

— געה אַ קוק טהון אויף דײַנע אייער אין דער מעלאָנען־בייט אונטער׳ן מויער! — האָט ריקקי געזאָגט. — געה, טהו אַ קוק, נאַגאַינע!

די גוואַלדיגע שלאַנג האָט זיך האַלב אומגעדרעהט און האָט דערזעהן די איי אויף דער װעראַנדע.

— אַה, גיב זי מיר אַװעק! — האָט נאַגאַינע אויסגעשריען.

נאָר ריקקי־טיקקי האָט אַנגענומען די איי פון ביידע זײַטען מיט די לאַפּקעס, און מיט אויגען פערלאָפען מיט בלוט האָט ער אויסגעשריען:

— װאָס װעל איך בעקומען פאַר אַ שלאַנגען־איי? פאַר אַ קליינע ברילען־שלאַנג? פאַר אַ קעניגליכע קליינע ברילען־שלאַנג? פאַר דער לעצטער, דער סאַמע לעצטעסטער פון שטאַם, דען די איבעריגע פרעסען שוין די מוראַשקעס אויף דאָרט, צווישען די מעלאָנען!

נאַגאַינע האָט זיך אומגעדרעהט, להלוטין פערגעסענדיג אַלץ צוליעב דער איינציגער איי, און ריקקי האָט דערזעהן, װי טאַ־דעאוס׳עס פאָטער האָט אויסגעצויגען זײַן מוסקולהאַפטע האַנד, און

אָנהאַפּענדיג טאַדעאוס'ן פאַר'ן אָרעם, האָט ער איהם אַריבערגעטראָגען איבער דעם נישט גרויסען טישעל, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט מיט גלעזער טהעע, אויף אַ זיכערן אָרט, וואו זי האָט איהם נישט געקאָנט דערגרייכען.

— פערנאַרט! פערנאַרט! ריקק־טקק־טק! — האָט ריקקי־טיקקי אויסגעשריען מיט אַ געלעכטער. — דאָס יונגעל איז גערעטעט, און דאָס האָב איך, איך, איך געהאַפּט די נאַכט נאַג'ן פאַר'ן קאָלפּאַק אין באַדע־צימער!

און ער האָט אָנגעהויבען אַרומשפּרינגען אויף אַלע זייטען, מיט די פיער לאַפּקעס פאַר אַמאָל, אַראָבבויגענדיג דאָס קעפּעל צו דער ערד.

— ער האָט מיך געשליידערט אַהער און אַהין, נאָר מיך צעקלאַפּען האָט ער נישט געקאָנט. ער איז געשטאָרבען נאָך איידער דער מענש האָט איהם צעשפּאָלטען אויף צווייען! דאָס האָב איך געמאַכט! ריקקי־טיקקי־טיק! אַהער צו מיר, נאַגאַינע! אַהער צו מיר און קעמפּף! נישט לאַנג וועסטו אַנ'אַלמנה זיין!

ווייסענדיג, אַז זי האָט שוין פערלוירען די מעגליכקייט צו טוידטען טאַדעאוס'ן און אַז איהר איי ליגט צווישען ריקקי־טיקקי'ס לאַפּקעס, האָט נאַגאַינע אַראָבגעלאָזען דעם קאָלפּאַק און אויסגערופען:

— גיב מיר אָב די איי, ריקקי־טיקקי, גיב מיר אָב די לעצטע פון מיינע אייער, און איך וועל אַוועקגעהן און וועל שוין אַהער קיינמאָל נישט צוריקקומען.

— יאָ, יאָ, דו וועסט אַוועקגעהן און וועסט שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען, דען דו וועסט זיך פעראייניגען מיט נאַג'ן אויפ'ן מיסט. צו'ם קאַמפּף, אַלמנה! דער גרויסער מענש איז געגאַנגען נאָכ'ן שיעסער. קעמפּף!

מיט אויגען, ענהליך צו פּאַנאַנדערגעבערענטע קויהלען, איז ער געשפּרונגען אַרום דער שלאַנג, נישט אַריבערגעהענדיג די ווייטקייט, פון וועלכער זי וואָלט איהם געקאָנט דערגרייכען. נאַגאַינע האָט זיך איינגעצויגען אין זיך און זיך אַ וואָרף געטהון אויף איהם, נאָר ריקקי האָט אַ שפּרינג געטהון און איז אַריבערגעשפּרונגען איבער איהר. ווידער אַ וואָרף זיך, און נאָך אַמאָל, און ווידער אַמאָל, און ביי יעדען מאָל איז דער קאָפּ פון שלאַנג אַראָבגע=

פאַלען מִיט אַ טויבען זעץ אויף דער מאַטע פון דער וועראַנדע, און די שלאַנג האָט זיך אינגאַנצען איינגעדרעהט ווי אַ ספּרענזשינע פון אַ זייגערל. ריקקי-טיקקי האָט אַלץ געמאַכט קרייזען, וועלענדיג זיך געפינען נאַגאַינע׳ן פון הינטען, נאָר זי האָט זיך געפלאָכטען אין אַ רעדעל, כּדי איהם שטענדיג צו האָבען פאַר די אויגען, און איהר וועדעל האָט זיך געשאַרט איבער דער מאַטע, אַזוי ווי פער-וועלקטע בלעטער, ווען דער ווינד בלאָזט.

וועגען דער איי, וואָס איז נאָך אַלץ געלעגען אויף דער וועראַנדע, האָט ריקקי-טיקקי גענצליך פערגעסען. נאַגאַינע האָט זיך זעהר פאַמעליך צוגערוקט צו איהר, ביז זי האָט ענדליך, ווען ריקקי האָט זיך אָבגעשטעלט דעם אָטהעם צו האַפּען, אַ האַפּ געטהון די איי אין פרעסער, זיך געגעבען אַ דרעה-אום צו די טרעפּלעך צו און איז אַדורכגעפלויגען ווי אַ קויל איבער׳ן שטע-געל, און ריקקי-טיקקי גלייך נאָך איהר. אַ שלאַנג, וואָס אַנט-לויפט, אום זיך צו רעטען דאָס לעבען, זעהט אויס ווי אַ בייטש, וואָס העגנט איבער דעם פערד׳ס גרזשיווע.

ריקקי-טיקקי האָט געפיהלט, אַז ער מוז זי דעריאָגען, אַז נישט, וועט ער אַלץ מוזען אָנהויבען פון דאָס ניי. נאַגאַינע האָט זיך געריקט גלייך צו׳ם הויכען גראָז נעבען דעם דאָרן-שטרויך, און לויפענדיג, האָט ריקקי דערהערט, ווי דאַרזי האָט נאָך אַלץ געזונגען זיין נישט פאַסיגעס טריאומף-ליעד. דערפאַר איז דאַרזי׳ס ווייב שוין געווען קליגער. ווי זי האָט דערזעהן די אָנקומענדע נאַגאַינע, איז זי אַרויסגעפלויגען פון נעסט און האָט אָנגעהויבען צו פּאַטשען מִיט די פליגעל איבער איהר קאָפּ. ווען דאַרזי וואָלט איהר געהאָל-פען, וואָלט זיי אפשר געלונגען צוריקצוטרייבען נאַגאַינע׳ן פון איהר וועג, נאָר אַזוי האָט די שלאַנג נאָר אַראָבגעלאָזט דעם קאָלפּאַק און האָט געאיילט ווייטער. נאָר דאָך האָט די איינע ווייַלע, וואָס זי האָט זיך פערהאַלטען, ריקקי-טיקקי׳ן געגעבען די מעגליכקייט צוצולויפען צו איהר אַזוי נאָהנט, אַז ווען נאַגאַינע איז אַריינגעפאַלען אין איהר נאָרע, וואו זי פלעגט וואָהנען מִיט נאַג׳ן, האָט ער געקאָנט איינזינקען אין איהר וועדעל זיינע ווייסע צייהנדלעך און זיך אַריינגליטשען נאָך איהר. נישט פיעל איחנעאומאָנען, אפילו פון די קליגסטע און די עלטסטע, וואָלטען זיך געוואַגט נאָכצויאָגען אַ ברילענשלאַנג אין איהר נאָרע אַריין. אין דער נאָרע איז געווען פינסטער, און ריקקי-

טיקקי האָט ניִשט געקאָנט וויסען, ציִ דער דורכגאַנג ווערט אין דער טיעפעניש ניִשט בריִיטער אויף אַזוי פיִעל, אַז די שלאַנג זאָל האָבען די מעגליִכקייט זיך אויסצודרעהען און זיך אַרויפוואַרפען אויף איהם. ער האָט זיך פעסט געהאַלטען פאַר'ן וועדעל, זיך אָנ=האַלטענדיִג מיִט די פאַנאַנדערגעשפּריִיטע לאַפּקעס ביִי'ם אַראָפּ=לאָזען זיך פון דער פיִנסטערער משופּעקייט פון דער וואַרעמליִכער פייכטער ערד.

ענדליִך האָט דאָס גראָז ביי דער לאָך פון דער נאָרע זיך אויפ=געהערט צו בעוועגען און דאַרזי האָט געזאָגט:

— שוין אַ סוף מיט ריקקיִן. לאָמיר אָנהויבען אַ בעגרעבע=ניש=ליעד! געפאַלען דער קעמפפענדער ריקקי=טיקקי! נאַגאַינע וועט איהם געוויס ערמאָרדען אונטער דער ערד!

און גלייך האָט ער אָנגעהויבען אַ טרויעריגען געזאַנג, וואָס ער האָט פערפאַסט אונטער דעם איינדרוק פון דער מינוט, און ווען ער איז דערגאַנגען גראַדע צו דער ריהרענדסטער שטעלע, האָט זיך דאָס גראָז וויעדער אָנגעהויבען בעוועגען, און פון דעם גרוב האָט זיך אַרויסגעגראַבעלט אַ לאַפּקע נאָך אַ לאַפּקע, ביז עס האָט זיך ענדליך בעוויזען דער גאַנצער פערבלאָטיגטער ריקקי=טיקקי, זיך בעלעקענדיג די וואָנסעס. דאַרזי האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און איז פערשוויגען געוואָרען. ריקקי=טיקקי האָט זיך אַביסעל אָבגע=טרייסעלט פון שטויב און אַ ניס געטהון.

— שוין איינגאַנצען געענדיגט,— האָט ער געזאָגט.— די אלמנה וועט שוין קיינמאָל ניִשט אַרויסגעהן.

און דערהערענדיג דאָס האָבען די רויטע מוראַשקעס, וועלכע וואָהנען צווישען די שטענגלעך גראָז, זיך אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען איינע נאָך דער צווייטער אין דער נאָרע אַריין, כדי זיך איבערצייגען, צי דאָס איז אמת.

ריקקי=טיקקי האָט זיך איינגעדרעהט אין אַ קנויל און איז איינגעשלאָפען אין גראָז. ער איז געשלאָפען זעהר לאַנג, ביז'ן סאַמע אָבענד, דען אין יענעם טאָג האָט ער אויסגעפיהרט אַ שווערע אַרבייט.

אַלס ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער געזאָגט:

— איך קעהר צוריק אַהיים. דאַרזי, זאָג דעם קופערשמיעד, ער זאָל וויסען געבען אין גאַנצען גאָרטען וועגען נאַגאַינע'ס טויט.

דער קופערשמיד איז א קליין פויגעלע, וואס זיין שטי־מע איז אינגאנצען ענהליך צו א קלאפ פון א האמער אויף קופער, און ער לאזט זיך שטענדיג הערען דערפאר, ווייל אין די אינדישע דערפער ערפילט ער דעם אמט פון א עפענטליכען אויסרופער, וועלכער גיעט צו וויסען אלערליי נייעס יעדען, ווער עס וויל איהם נאר אויסהערען.

געהענדיג אויפ'ן שטעגעל, האט ריקקי־טיקקי צום ערשטען דערהערט זיין וועק־רוף, וואס האט געקלונגען ווי א קליין גלעקעל, וואס רופט צו מיטאג, און דערנאך זיין איינטעניג אויסרופען:

— דינג־דאנג־טאק! נאג געשטארבען — דאנג! נאגאינע געשטארבען! דינג־דאנג־טאק!

דערהערענדיג דאס, האבען אלע פויגעל אין גארטען אנגע־הויבען זינגען, און די פרעש— קוואקען, דען נאג און נאגאינע פלעגען פרעסען פרעש ווי אויך קליינע פויגעלעך.

ווען ער איז געקומען אהיים זענען טאדעאום, זיין מוטער, וועלכע איז נאך געוועזען זעהר בלאס פון דעם, וואס זי איז נישט לאנג געפאלען אין חלשות, און טאדעאום'ס פאטער ארויסגעגאנ־גען איהם אקעגען און האבען שיער נישט געוויינט פון רירהונג. יענעם אבענד האט ער שוין געגעסען אליץ, וואס מען האט איהם גע־געבען, כל זמן ער האט נאר געקאנט עסען, און דערנאך איז ער אויף טאדעאום'ס ארעם געגאנגען שלאפען אין זיין בעטעל, וואו טאדעאום'ס מוטער האט איהם נאך געטראפען, ווען זי איז געקומען בעזוכען דעם זוהן שפעט ביינאכט.

— ער האט אונז און טאדעאום'ן געראטעוועט דאס לעבען,— האט זי געזאגט צום מאן.— טהו נאר א קלער, אונז אלעמען האט ער געראטעוועט דאס לעבען!

ריקקי־טיקקי איז אויפגעשפרונגען גלייך אויף די פיס, דען די איחנעאומאנגען שלאפען זעהר לייכט.

— א, דאס זענט איהר,— האט ער זיך אבגערופען.— צו וואס זאלט איהר זיך בעאונרוהיגען? קיין איין ברילענשלאנג לעבט שוין נישט, און אפילו ווען איינע וואלט נאך יא געוועזען,— טא צו וואס בין איך דא?

ריקקי־טיקקי האט געהאט דאס רעכט צו זיין שטאלץ מיט זיך, נאר ער איז כלל נישט געווארען קיין בעל־גאוה; אדרבא,

ער איז ווײַטער אויך געשטאַנען אויף דער וואַך אין גאָרטען, ווי
עם פאַסט פאַר אַ איחנעאומאָן, מיט ברייטע צייהן און נעגעל;
און דעריבער טאַקי האָט קיין ברילענשלאַנג נישט געוואַגט צו ווייזען
דעם קאָפּ אינווענינ פון צוים.



געזעצט אין מאַשינען־זאַץ־דרוקעריי פון נ. ראָזענפעלד, פאַנסקא 20.

אַנמערקונג פון דעם איבערזעצער.

דער ענגלישער פּאָעט און ערצעהלער ר ע ד י אַ ר ד ק י פּ ל י נ ג איז איינער פון די גרעסטע און פּאָפּולערסטע שריפטשטעלער פון היינטיגער צייט. זיין גרויסען נאָמען האָט ער זיך געקויפט דורך זיינע ערצעהלונגען און שילדערונגען פון אינדיען און דעם אינדישען לעבען.

ק י פּ ל י נ ג איז אַ ענגלענדער, וועלכער איז געבאָרען און ערצויגען געוואָרען אין באָמביי, אין אינדיען, וואו אַ קליינע צאָהל ענגלענדער רעגירען איבער דאָס אַלטע, גרויסע און האַלב־ווילדע לאַנד. זייענדיג גוט בעקאַנט מיט דעם אינדישען לעבען, האָט ער דאָס דאָזיגע לעבען ווידער געשאַפען אין אַ העכסט־אָריגינעלער קינסטלערישער פאָרם. אויף אַזאַ אופן האָט ער פאַר'ן איראָפּעאישען לעזער ענטדעקט דאָס ווייטע אינדיען מיט זיינע אַלע אייגענאַרטיגע לעבענס־פאָרמען און מערקווירדיגע ערשיינונגען. קיפּלינג'ס ווערק זענען דעריבער דאָפּעלט אינטערעסאַנט: אי דורך זייער קינסטלערישער און פּאָעטישער פאָרם, אי דורך זייער אינהאַלט, וואָס איז גאַנץ ניי פאַר דעם איראָפּעאישען לעזער.

נאָר דאָס בעסטע און שענסטע פון קיפּלינג'ס ווערק, דאָס ווערק, וואָס האָט איהם גלייך געשטעלט אין די ערשטע רייהען פון דער וועלט־ליטעראַטור, איז אָהן צווייפעל זיין „בוך פון דער דזשונגלי״ (וויסטע — די ווילדע אינדישע וועלדער). דורך זיין אַבסאָלוט־איינפאַכער, נאָר צוגלייך גרויסאַרטיגער, קינסטלערישער פאָרם, וועלכע יאָגט זיך נישט נאָך קיין עפעקטען און מאַכט דאָך אויפ'ן לעזער דעם שטאַרקסטען איינדרוק (אַ אייגענשאַפט, וועלכע מען טרעפט נאָר ביי די קלאַסיקער), און דורך זיין מערקווירדיגען אינהאַלט, וועלכער טראָגט אונז אַריבער שוין נישט נאָר אין אַ פרעמד לאַנד און צווישען נייע אונבעקאַנטע מענשען, נאָר אין אַ מלוכה, וואו קיין מענשליכע פוס האָט נאָך פיליייכט קיינמאָל נישט געטרעטען, וואָס איז פאַר'ן מענשען אינגאַנצען פערשלאָסען און איז דאָך פול מיט אַזוי פיעל אינטערעסאַנטען לעבען, — דורך דיעזע צוויי בעדינגונגען האָט דאָס „בוך פון דער וויסטע״ מיט רעכט פערדיענט צו פערנעהמען אַ אָנגעזעהענעם פּלאַץ צווישען די בעסטע קלאַסישע ווערק.

נאָר פאָרלעגענדיג דאָס דאָזיגע ווערק פאַר'ן יודישען לעזער, מוזען מיר פאָרויס געבען איינינע ערקלערענדע בעמערקונגען.

דאָס דאָזיגע בוך פיהרט אונז אַריין אין דער וויסטע און ווייזט אונז איהרע אַלע איינוואָהנער — די חיות. מיר זעהען, ווי זיי לעבען, און נאָך מעהר: מיר הערען, ווי זיי רעדען און דענקען. זייער אַרט לעבען, טראָץ זיין מערקווירדיגקייט, האָט פיעל עהנליכקייט צום

מענשליכען לעבען, און רעדען און דענקען זענען דאָך שוין געווים נאָר מענשליכע אייגענשאַפטען.

איז וואָס, הייסט עס? צי האָט קיפּלינג אַמאָל נישט געמיינט צו געבען אונז אַ משל, אַ מין אַלעגאָריע, אַ מין סימבאָל פון מענשליכען לעבען, כדי מיר זאָלען זיך אַראָבנעהמען אַ מוסר, אָדער עפּעס אַ מין סאַטירע אויף די מענשען?

ניין. קיפּלינג איז צופיעל ענגלענדער פאַר אַזעלכע זאַכען. זיין בליק אויפ'ן לעבען איז אַ גאַנץ רעאַליסטישער, און האָטש ער האָט אַ רייכע שעפּפערישע פאַנטאַזיע, דאָך איז ער אַזוי פיעל ניכטער, אַז ער פאַלט נישט אַריין אין קיין סענטימענטאַלען ראָמאַנטיזמוס.

קיפּלינג האָט נישט געשריבען קיין משל, קיין אַלעגאָריע, קיין סימבאָל און אפילו קיין סאַטירע, נאָר גאָר פּשוט — דערצעהלט דאָס אמת'ע לעבען פון די חיות אין דער אינדישער וויסטע. צום דאָזיגען לעבען האָט ער זיך לאַנג-לאַנג צוגעקוקט און עס לאַנג-לאַנג געפאָרשט, געזאַמעלט פערשידענע ידיעות מיט גרוים מיה, ביז עס איז איהם געלונגען אַריינצודרינגען אין די טיעפסטע בעהעלטענישען פון דער אינדישער וויסטע, און דאָס, וואָס ער שילדערט אונז, איז דאָס רעאַלסטע לעבען פון דער וויסטע.

און אויב קיפּלינג'ס חיות דענקען און רעדען און טהוען פיעל זאַכען כמעט ווי מענשען, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל דער אויטאָר האָט נישט געהאַט קיין אַנדער מיטעל, ווי צו ענטדעקען פאַר אונז די נשמה פון די חיות, ווען ער וואָלט זיך נישט בענוצט מיט די מענשליכע מיטלען. נאָר דערפאַר שטאַמט דאָס דאָזיגע רעדען און דענקען פון זייער אינערליכער פּסיכאָלאָגיע, לויט ווי מען קאָן בעמערקען פון זייער לעבען. אויב עס ווערט דערצעהלט וועגען געזעצען, וואָס עקזיסטירען צווישען די חיות, זענען דאָס ווירקליך געזעצען, האָטש נישט קיין געשריבענע און נישט קיין בעוואוסטזיניגע, נאָר דאָך אָנגענומענע צווישען די חיות, ווייל זייער לעבענס-ערפאַהרען האָט זיי געצוואונגען דאָס אָנצונעהמען.

„דאָס בוך פון דער וויסטע" בעשטעהט פון אַ גאַנצער רייהע ערצעהלונגען וועגען מאָוגלי, אַ מערקווירדיגער טיפּ פון אַ מענש און אַ וואָלף צוזאַמען, און נאָך פון אַ רייהע אַנדערע ערצעהלונגען וועגען חיות. אין דעם דאָזיגען ערשטען טייל פון דעם „בוך פון דער וויסטע", וואָס ווערט פאָרגעלעגט פאַר'ן לעזער, זענען אַריין די בעסטע צוויי ערצעהלונגען פון דער מאָוגלי-סעריע, וואָס יעדע פון זיי שטעלט פאָר אַ גאַנץ בעזונדערע געשלאָסענע זאַך און איינע פון די בעסטע פון די איבעריגע ערצעהלונגען פון דער וויסטע.

———